NAJER FOLKSBLAT
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

פרייז 20 גראשען

[הי]ינט 14 זייטען

[נ]ייער פאלקסבלאט

№ 38 | Łódź, Niedziela, 14 lutego 1937 | אדרעס: לאָדז, פּעטריקאָווער 21 טעל. 224-71 Adres Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. Skrz. poczt. 1.06 | לאָדז, זונטאָג פ׳ תצוה ג׳ אדר תרצ״ז

[מ]יליאָנען הענט זוכען ארבייט

[ע]רקלערט דער מיניסטער פון סאָציאַלער שוץ אויף דער פּלענאַר-זיצונג פון סיים

[ו]ואַרשאַ, 13 (טעלעפאָניש)

[...]אויף דער נעכטיגער זיצונג פון סיים איז [...]ראַכט געוואָרען דער בודזשעט פון מיניסטעריום [...]סאָציאַלען שוץ. דער רעפערענט, דעפּ. טאַ[...]קיעוויטש האָט אָנגעוויזען, אַז די לאַגע אין פּוי[...] איז זעהר אַ שווערע. אין משך פון די יאָהרען פון [...] פּוילישער אומאָפּהענגיגקייט האָט דער [...]ליכער צוואוקס פון דער באַפעלקערונג באַ[...]טראָפען 8 מיליאָן מאַן. אין דער צייט אָבער, וואָס [...]צאָהל פון דער באַפעלקערונג [...]אַרק גע[...]קסן, האָט זיך אָבער דאָס נאַציאָנאַלע פאַרמעגן [...] פּוילען פאַרקלענערט. ווען מען זאָל קענען פאַר[...]גרעסערן די צאָהל געבורטען, וואָלט דאָס פאַר [...] געווען אַ גליק. די אָפיציעלע און נישט [...]ציעלע סטאַטיסטיק פון דער אַ־ביישטלאָזיגקייט, [...] אַ שוידערליכע. מען וואָלט אפשר געדאַרפט [...]יהרען אין פּוילען אַ 40-שעהדיגע ארבייטס[...], וואָס וואָלט געגעבען גוטע רעזולטאַטען. [...] דאָזיגען פּראָבלעם דאַרף מען זיך פאַרטראַכ[...], ווייל דאָס וואָלט געקענט פאַרקלענערן די אַר[...]לאָזיגקייט.

[...]עפּ. זאַקראָווסקי שטעלט דעם רעפערענט פּראַ[...]

[...]גען וועגען דער ווינטער-הילף און צוו. אַנד. אויך צי עס וואָלט נישט גלייכער געווען איינצופיהרען אַנ[...] שטאַט דער פרייוויליגער באַשטייערונג אויף דער ווינטער-הילף אַ צוואַנגסשטייער. דער רעפערענט ענטפערט, אַז דאָס איז אוממעגליך, ווייל מען וואָלט עס געמוזט אַדורכפיהרען דורכ׳ן סיים.

מיניסטער קאשטשאלקאווסקי וועגען אפהאלטען דעם צו שנעלען מארש פון די ארבייטס-זוכענדע פון דארף אין די שטעט

בעת דער דעבאַטע אין סיים איבער׳ן בודזשעט פון מיניסטעריום פאַר עפענטליכען שוץ, האָט גע[...]האַלטען אַ רעדע מין. קאַשטשאַלקאָווסקי. אין זיין רעדע האָט מיניסטער קאַשטשאַלקאָווסקי געזאָגט, אַז די זאָרג פון זיין מיניסטעריום איז, אַז יעדער בירגער פון דער מלוכה זאָל זיין שטאַרק און פיזיש געזונד און אַזוי אַרום אויך מאָראַליש. דאָס איז ענג פאַרבונדען מיט׳ן פּראָבלעם פון באַזעצטיגונג. דאָס איהר רעאַליזאַציע איז אַ פראַגע וואָס אינטערעסירט די גאַנצע רעגירונג.

אַ חוץ דעם דאַרף מען נאָך דורך דער אינטענסיווירונג פון די לאַנדווירטשאַפטליכע וואַר[...]שטאַטען, דורך דער אויסבעסערונג פון לאַנדווירטשאַפטליכע רעזשים, דורך דעם פאַרגרעסער׳ן די באַ[...]א־בייטס שטחים, וואָס זענען אַרויסגעריסען געוואָרען די נישט-באַארבייטע געביטען, און ענדליך דורך דער אַנטוויקלונג פון דער קאָליפיציטעט-אינדוסטריע אויפ׳ן דאָרף, אָפּצוהאַלטען דעם צו שנעלען מאַרש פון די, וואָס זוכען אַרבייט פון דאָרף צו די שטעט.

דער מיניסטער קאַשטשאַלקאָווסקי שטעלט זיך אויך אָפּ אויף דער פּראַגע פון דער אַרבייטסלאָזיגקייט און ווייזט אָן, אַז מיליאָנען הענט זוכען אַ־בייט. ער רעדט אויך וועגען דעם נאַטירליכען צוואוקס פון דער באַפעלקערונג און ווייזט אָן, אַז אפילו אין די קריזיס-יאָהרען איז די באַפעלקערונגס-צאָהל געשטיגען אויף 3 און אַ האַלב מיליאָן. אַמאָל האָט אין דעם פאַל אַרויסגעהאָלפען די עמיגראַציע, אָבער היינט איז בכלל נישט פאַרהאַן קיין עמיגראַציע. די איינציגע רעטונג וואָלט געווען די אינדוסטריאַליזירונג פון לאַנד.

מין. קאַשטשאַלקאָווסקי ווייזט שפּעטער אָן, אַז די אַרבייטסלאָזיגקייט איז אַ דראָהענדע סכנה פאַר׳ן לאַנד, בעזונ׳ער פאַר דער מאָראַלישער אַנט־וויקלונג. אַ געזונד׳ע מאָראַל קען זיך נישט אַנטוויקלען אויב עס הערשט נויט.

דער מיניסטער האָט פאַרזיכערט, אַז די צוקונפט איז נישט קיין פרעהליכע און עס זעהט זיך נישט קיין בעסערונג פון דער לאַגע. דער מיניסטער האָט אויך באַטאָנט וועגען דער נויטווענדיגקייט פון שאַפען אַרבייט פאַר דער יוגענד אפילו אויפ׳ן חשבון פון עלטערען דור.

אין דער דיסקוסיע, וואָס האָט זיך דאַן אַנט־וויקעלט, האָבען זיך באַטייליגט 15 רעדנער. די רומטער אויף דער „יודישער" דעפוטאַט אהרבאנסקי, וואָס איז געוועהלט געוואָרען פון וואַרשאַ מיט יי־דישע שטימען. ער איז דער פאַ־זיצער פון די וואַר־שאַווער סטרוזשעס און ער האָט אָנגעוויזען אויף זייער שווערער לאַגע. ע־ האָט אויך געפאָדערט אָפּ־צושאַפען דעם סיסטעם פון הויז־קאָנטראַקטאָרים.

גענעראַל זשעליגאָווסקי פאָדערט צו רעגולירען דאָס פּראָבלעם פון אַפּטייקען. ער ווייזט אָן, אַז די רפואות זענען זעהר טייער און די אַפּטייק-באַזי־צער ווערן רייך אויפ׳ן חשבון פון דער באַפעלקערונג.

(ווייטער זעה 13-טע זייט)

[ש]ווינסטיגע לאגע פון רעגירונגס-מיליטער

[...]ער וועג מאדריד — וואלענסיא נישט איבערגעשניטען

מאַדריד, 13 (ספּ. טעל.)

[...] די לאַגע אויפ׳ן אָפּשניט פון דער אוניווער־[...]סיטעטס-שטאָט, וואָס איז דער אַרויסגעריקטער [...] פון אַנגריף פון די אויפשטענדישע אויף דער [...]ט-שטאָט איז אין איצטיגען מאָמענט, ווי עס [...]רדעט הײַנטוועס, זעהר ערנסטע פאַר די פאַרטיי־[...]ער פון מאַדריד. דער קאַסטילישער וועג איז [...]ין דעם ריקען זיך פאָראויס פון די אַפּטיילו־[...] פון רעגירונגס-מיליטער אין מערב פּאַרק פּול־[...]שטענדיג בעהערשט דורך די מיליציאָנטען, וואָס [...]יטען דעם שונא לענג אויס דעם גאַנצען וועג.

אַזוי אַרום זענען די אויפשטענדישע געצוואונ[...] [ג]עווען זיך צוריקצוציהען אין דער ריכטונג פון טייך [...]ראַנעס, ווייל דער וועג קען זיך אַרויסווייזען [...]שניטען צו ווערען אין פאַל ווען דעם רע־[...]גירונגס מיליטער זאָל געלינגען זיך צו ריקען נאָך [...]עטליכע הונדערט מעטער. דער קאַמף אויף דעם אָפּשניט איז אויסערגעוועהנליך שווער.

מאַדריד, 12 (ספּ. טעל.)

היינט נאָכמיטאָג האָבען 9 באָמבען-עראָפּ־לאַנען פון די אויפשטענדישע, אונטער׳ן שוץ פון 14 יעגער-עראָפּלאַנען געוואָרפען 5 באָמבעס אויף דער שטאָט גראַנאַדע, דערהרג׳ענדיג 5 מאַן.

לאָנדאָן, 13 (ספּ. טעל.)

דער רייטער-קאָרעספּאָנדענט טעלעפאָנירט פון מאַדריד דעם 13 ד. ח. 8 אַ זייגער אָוונט: איך האָב היינט בעזוכט דעם וועג פון מאַדריד קיין וואַלענסיאַ ביז צו אַרגאַנדאַ און שטעל פעסט, אַז דער וועג איז אין אַנגריף נישט איבערגע־שניטען. הגם ער געפינט זיך אונטער׳ן פייער פון די אויפשטענדישע.

פארטוגאליעז ליפערט דעם גענעראל פראנקא געוועהר און אמוניציע

פּאַריז, 13 (ספּ. טעל.)

די ראַדיקאַלע „עוור" פּאַרזיכערט, אַז פּאָר־טוגאַל פאַרשטעלט הילף דעם גענעראַל פראַנקאָ דורך צושטעלען איהם געוועהר, וואָס ווערט אויסגעאַר־בייט אין די פּאָרטוגאַלישע פאַבריקען. ווי די צייטונג מעלדעט, ליפערן די פאַבריקען „בעיראַ־לאַס" און „יעלאַס" דעם גענעראַל פראַנקאָ גראַ־נאַטען, באָמבעס און אַמוניציע צו די מאַשינען־געוועהרן און די פאַבריק „בריי קאַ דאַפּאַרס" שיקט אַרויס קיין שפּאַניען פון סוטונגענט ביז 20 טויזענד טאָן גראַנאַטען.

די פאַבריקען „קאַרקאַרענאַ" ליפערן פון 10 ביז 15 לאַסט-אויטאָס אָנגעלאָדענע מיט פּולווער און אויפרייס-מאַטעריאַל. די אַלע פאַבריקען אַר־בייטען בייטאָג און ביינאַכט. פּאָרטוגאַל שטעלט צו דעם גענעראַל פראַנקאָ בענזין.

הוי נפלה עטרת ראשנו

אחרי מחלה כבדה וממושכה שבק חיים לכל חי בעלי, אבינו, חותננו, זקננו, אחינו, גיסינו ודודינו

נ״ע

אלעזר זאב ז״ל בערשאַץ

ב״ר אברהם ז״ל

בשנת 61 לימי חייו

הלוי׳ תתי׳ היום ביום א׳ ג׳ אדר תרצ״ז, בשעה 12 בצה״ר מבית האבל קילינסקיעגאָ 44

השרויים בצער עמוק

משפחתו המתאבלת.

הזכרה

היינט, זונטאָג, דעם 14-טען ד. ח. 12.30 ביי טאָג צו דער ערשטער שמערצליכער יאָהרצייט פון

נ״ע

בערנארד האנעמאן

קומט פאָר אויפ׳ן בית-החיים אַ הזכרה און די ענטהילונג פון דער מצבה. צו וועלכע אַלע קרובים, פריינד און בעקאַנטע פון פאַרשטאָרבענעם ווערען געבעטען צו קומען.

פרוי, קינדער און פאַמיליע.

אונזער זעהר געשעצטען און חשוב׳ן וויצע-פּרעזעס ה׳ יעקב דעגענשטיין צוליבן טויט פון זיין שוועגערין

נ״ע גיטל דעגענשטיין

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען מיטגעפיהל.

די פערוואַלטונג פון „לינת החולים"

אין לאָדז, פּאָלודניאָוואַ 19.

אונזער געעהרטען וויצע-פּרעזעס ה׳ יעקב דעגענשטיין צוליבן טויט פון זיין שוועגערין

נ״ע גיטל דעגענשטיין

דריקען מיר אויס אונזער טיפסטען ביילייד.

דאָס פּערסאָנאַל פון „לינת החולים"

אין לאָדז, פּאָלודניאָוואַ 19.

גזשעשאַלסקי בעגאַנגען זעלבסטמאָרד

צוזאַמען מיט זײַן פרוי האָט ער זיך געסמט אין אַ קראָקאָווער האָטעל

ס אָ ס נ אָ װ י ץ, 13 (ספּ. טעל.)

אין שייכות מיטן בשלום פון העכסטען גע־ריכט, וואָס פאַראָרדנט נאָכאַמאָל צו בעטראַכטען גזשעשאַלסקיס פּראָצעס דורכן אַפּעלאַציע־פּראָצעס האָט די היגע מאַכט געוואָלט אַרעסטירען גזשע־שאַלסקין. גזשעשאַלסקי האָט אָבער מיט צוויי טאָג פריהער צוזאַמען מיט זײַן פרוי פאַרלאָזען סאָסנאָ־וויץ, פאַרקויפענדיג פריהער זײַן וואַרשטאַט און פּלאַץ.

ווי בעוואוסט איז גזשעשאַלסקי געהאַט פאַר־משפט געוואָרען צום טויט פאַר פאַרסמ'ען זײַנע צוויי קינדער. אין דער אַפּעלאַציע איז ער בע־פרייט געוואָרען, דער פּראָקוראָר האָט אָפּגעגעבען אַ קאַסאַציע געגען אורטייל און דאָס העכסטע גע־ריכט האָט בעשלאָסען נאָך אַמאָל דעם פּראָצעס צו בעטראַכטען.

* * *

װ אַ ר ש אַ, 13 (טעלעפאָניש)

שפּעט אין אָווענד איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון קראָקאָ, אַז אין „האָטעל פּאָלסקי" איז גזשע־שאַלסקי בעגאַנגען זעלבסטמאָרד. ער האָט פאַרסמ'ט זײַן פרוי מיט לומינאַל און זיך דאַן שפּעטער אַליין פאַרסמ'ט. איהם האָט מען שוין געפינען אַ טויטען און זײַן פרוי איז נאָך געלונגען אָפּצוראַטעווען. ער האָט איבערגעלאָזט אַ רייהע בריף, וועלכע עס האָט צוגענומען די זיכערהייטס־מאַכט.

דער פּויליש־דײַטשער אָפּמאַך

ווערט פאַרלענגערט אויף צוויי יאָהר

װ אַ ר ש אַ, 13 (ספּ. טעל.)

די אונטערהאַנדלונגען וועגען פאַרלענגערן און דערגענצען דעם פּויליש־דײַטשען ווירטשאַפט־ליכען בםמאַך פון 4 נאָוועמבער 1935, וואָס זענען אָנגעהויבען געפיהרט געוואָרען אין בערלין און לעצטענס אין וואַרשאַ האָבען היינט דערפירט צו דער פאַראַפירונג פון געהעריגען אָבמאַך, וואָס זעהט פאָר די פאַרלענגערונג פון ווירטשאַפטליכען אָבמאַך אויף צוויי יאָהר. מען דאַרף ערוואַרטען, אַז אין דער קומענדיגער וואָך וועט פאַרקומען דאָס אונטערשרײַבען פון אָבמאַך.

בעלגיענס ענטפער

אויף דער ענגלישער נאָטע וועגען מערב פּאַקט

ב ע ר ל י ן, 13 (ספּ. טעל.)

„נאַציאָנאַל צײַטונג" ברענגט פון פּאַריז אינ־פאָרמאַציעס וועגען בעלגישען ענטפער אויף דער בריטישער נאָטע וועגען מערב פּאַקט, דער טעקסט פון ענטפער איז אָפיציעל נישט פאַרעפענטליכט געוואָרען.

די ידיעה וועגען בעלגישען ענטפער ברענגט די „נאַציאָנאַל צײַטונג" אונטערן קעפּל „בעלגיען דעקלאַרירט איהר נייטראַליטעט".

קאָנפיסקירט ביכער פון סאָוועטישען הויפּט־פּראָקוראָר

ווישינסקי און פון אויסערן־קאָמיסאַר ליטווינאָוו

װ אַ ר ש אַ, 13 (טעלעפאָניש)

נעכטען איז אין וואַרשאַ אַדורכגעפיהרט געוואָרען אַ סענסאַציאָנעלע קאָנפיסקאַציע. אין די בוכהאַנדלונגען און אויף דער פּאָסט זענען קאָנפיסקירט געוואָרען צוויי סאָוועטישע ביכער. איין בוך פון סאָוועטישען הויפּט־פּראָקוראָר ווישינסקי. וועלכער איז ווי בעקאַנט אַרויסגעטרעטען אַלס בעשולדיגער אין די לעצטע גרויסע פּאָלי־טישע פּראָצעסען אין מאָסקווע. דאָס בוך איז וועגען דער סאָוועטישער געזעצגעבונג. דאָס צווייטע בוך, וואָס איז קאָנפיסקירט געוואָרען איז פון אויסערן־קאָמיסאַר ליטווינאָוו.

פערטיידיגער אין פּשיטיקער פּראָצעס

אַרײַנגעטראָגען די קאַסאַציע

װ אַ ר ש אַ, 13 (טעלעפאָניש)

די פערטיידיגער אין פּשיטיקער פּראָצעס אַדוואָקאַטען לאַנדוי, בערנסאָן, מאַרגוליעס שומאַנסקי, האָבען היינט אַרײַנגעטראָגען די קאַסאַציע אין העכסטען געריכט געגען דעם פּסק אין לובלינער אַפּעלאַציע־געריכט.

די קאַסאַציע וועט בעטראַכט ווערען מאַי אָדער אָנהויב יוני.

אַ שרפה אין לאָקאַל פון [...] לעסטינאַ־אַמט אין וואַרשאַ

װ אַ ר ש אַ, 13 (יט"אַ טעלעגראַפיש)

שבת אין אָווענד ווען דאָס ביוראָ פון [...] לעסטינאַ־אַמט איז נאָך געווען געשלאָסען [...] מען פלוצלינג בעמערקט ווי פון אַרײַנגאַנג [...] לאָקאַל שלאָגט אַ רויך און פלאַמען. דער סטר[...] פון הויז און דער וואַכשנע האָבען דאָס פ[...] פאַרלאָשען. ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזען [...] פאַרגעקומען אַן אונטערצינדונג ווייל מען האָט [...] פונען אַ בלעך פון בענזין. די אונטערצינדונג [...] נישט געלונגען ווייל אַ טייל בענזין איז אויס[...] רינען.

פּאָליציי פיהרט אַן אויספאָרשונג.

שטענדיג דאָזעלבע[...]

דער זיכערסטער אופן צו [...] כערן זיך וואוילשטאַנד איז אָן [...] שווערע אַרבייט, וועמען עס [...] ריהרעוודינקייט, אָריענטאַציע־פעה[...] און קענטניש פון דער זאַך.

אַ נאַטירליך שטרעבען פון [...] אײנציגן מענש איז צו דער[...] אָזעלכע מיטלען, כדי אַ חוץ פערנ[...] פון די טאָג־טעגליכע געברויכען [...] פערזיכערן אַן עקזיסטענץ אויף די[...] קונפט, ווען ער וועט נישט קענען [...] אינטענסיוו אַרבייטען.

ביי דעם ווערן בענוצט פער[...] אופנים.

טייל מענשען ווילען ערראַ[...] פערמעגען אויפ'ן וועג פון פינאַנס[...] רעציעס, אַנדע'ע ווידער פּרובע[...] און שפּילען. אָבער נאָר דאָס [...] קען באמת ווערען דער קוואַל פון [...] טום: נאָר זי אַליין די לאָטעריע[...] גאַראַנטיע פון עהרליך שפּילען א[...] ני שט אָבהענגיג פון וועלכע עס אי[...] דערגרייכבאַרע אומשטענדען, פון [...] גען פון הינטערקוליסען־מאַכינאַציע[...] דער זון אָדער פון אונגינסטיגען [...]

דער וועג, אויף וועלכן עס [...] זיך דאָס ראַד פון גליק פונ'ם [...] פון דער מלוכה־לאָטעריע, איז [...] נישט צו ווייך און נישט צו האַרט, צו לייכט און נישט צו שווער: [...] שטענדיג גלייך פאַר אַלע און פּערזע[...] שטענדיג אַלעמען דיזעלבע שאַנסען[...]

אַמזיכערסטען און אַמקלוגסטע[...] צו קויפען אַ לאָס צו דער ער[...] קלאַס 38־טע מלוכה־לאָטעריע און [...] וואַרטען אַ געווינס. מ'דאַרף לאַנג [...] וואַרטען אויף דער דערפילונג [...] שטרעבונגען, ווייל די ציהונג הויב[...] שוין אָן שוין דעם 18 ד. ח.

וואו קען מען זיך ערהאַ[...]

נאָר אין

פענסיאָנאַט „גראַנ[...]"

ווישניאָוואַ־גוראַ ווילאַ זאַלאַ[...]

ביים וואַלד. טעלעפאָן 12

מזל־טוב!

אונזער ב' חבר און מיטגליד פון די ווירטש־קאָמיסיע

ה' משה פנחס זילבערשטיין

צו זײַן פאַרלאָבונג מיט פרל.

איטקאַ ווײַנמאַן

ווינשען מיר אַ גליקליכע צוקונפט, און די עלטערן פיל נחת

די פאַרוואַלטונג און ווירטש.־קאָמיסיע

פון „תומכי אורחים"

ענגלישער זאַל ‡ פּועלי אגודת ישראל

אַל. 1־טער מאַי 2 לאָדז, פּילסודסקיעגאָ 66.

היינט, זונטאָג, פּ' תצוה, פּינקטליך 7.30 אָוונד קומט פאָר אין ענגלישען זאַל (אַל. 1־טער מאַי 2)

אַ גראַנדיעזע פּרעסע־אַקאַדעמיע

עראָפענונג — ה' ד"ר יעקב שלאָסער

רעפעראַט פון ה' ד"ר ה. קלעפּפיש (וואַרשאַ)

א.ד.ס. „ואכעו ועגנז וועלכע מעז רעדט נישט"...

אין אָווענד וועלען זיך אויך בעטייליגען די ח"ח: רעד. פּ. לאַנדענבערג, רעד. א. ג. פרידענזאָן, ראַטמאַן ד"ר י. לעווין, ד. באַמאַק, י. ל. נערשט, רעד. א. שטייער און א. שנור.

פאַר פרויען ספּעציעל רעזערווירטע פּלעצער.

בילעטען צו בעקומען פון 5 נ"מ ביי דער קאַסע פון זאַל

דער אַלטשטאַטישער

הויז־בעזיצער־פעראײַן

זגערזשער 10

מאַכט בעקאַנט, אַז דער טערמין פון אָפּגעבען דעקלאַראַציעס פון הכנסה אויף 1937 לויפט אָפּ מיט'ן 1 מערץ 1937. היינט זונטאָג, דעם 14/1, 5 נאָכמ. וועט אין פעראיינס־לאָקאַל דער פעראיינס־מיטגליד

אַדוו. ס. בערנשטיין

רעפערירען וועגען אַקטועלע שטייער־פראַגען, וועגען דעקלאַראַציעס פון הכנסה, שטייער פון אומבעוועג־ליכע גיטער, הנחות פאַר נייע הייזער, אַפּמאַ־כען מיט דאַזאַרצעס א. ז. וו.

די קאַנצעלאַריע איז טעטיג פון 9—12 און 5—8 אָוונט און שרײַבט אויס דעקלאַראַציעס און ערלעדיגט אַלע ענינים.

די פ ע ר וו אַ ל ט ו נ ג.

דאָס גליק רופט אײַך

דעריבער אײַלט אַלע אין דער גליקליכער קאָלעקטור פון

I. H. LITTMAN

Piotrkowska 32, tel. 144-72 i 244-69

דורך אונז פיהרט דער וועג צו געווינען דעם

1.000.000 זל. — (מיליאָן)

נעהמט אַנטייל אין די אויסערגעוועהנליכע שאַנסען פון דער 38־טער מלוכה־לאָטעריע און קויפט זאָפאָרט אַ לאָס צו דער I קלאַס אין אונזער בעריהמטער קאָלעקטור, וואו טויזענדער שפּילער זענען שוין רייך געוואָרען. אָט איז אַן אויסצוג פון אונזערע גרעסערע געווינסען:

300.000	זל.	אויף נומער 26014
300.000	"	אויף נומער 42630
50.000	"	אויף נומער 101750
50.000	"	אויף נומער 144482

און פיל אַנדערע געווינסען צו 15, 10, 5 טויזענט זל. א. א.

די ציהונג פון דער ערשטער קלאַס פון דער 38. מלוכה־לאַטעריע הויבט זיך שוין אָן דעם 18 ד.ח. כל הקודם זכה.

פּראָווינצער קענען אײַנצאָהלען פאַר לאָסען אויף אונזער קאָנטאָ P. K. O № 600.464

וויכטיג פאַר דאַמען

נאָר 2 זל. ווערען פאַר איבערגע־מאַכט די עלטעסטע

היטען!

אויף גאַנץ נײַע און אויף נײַע היטען צו

3.50

„TOLA"

25 Zawadzka 25

נ"ע

בענדעט לעסמאַן

סוחר און בירגער פון דער שטאָט לאָדז

איז געשטאָרבען דעם 12 פעברואַר 1937 אין עלטער פון 64 יאָהר.

די לויה קומט פאָר היינט זונטאָג, 1 אַ זייגער ביי טאָג פון טרויער־הויז פּ. אָ. וו. 13 (סקווערא-ווע). וועגען וואָס עס טיילען מיט אין גרויס צער די אין טיפען טרויער פאַרבליבענע

פרוי, טעכטער, זוהן, איידעמס, אייניקלעך און פאַמיליע.

די בעקאַנטע קאָלעקטור פון

יוסף כעלעמנער

לאָדז, זאַוואַדזקאַ 8, טעל. 132-37

וואוינונג: שטערלינגאַ 4, טעל. 266-24

מאַכט בעקאַנט די געעהרטע שפּילער, אַז די קאָלעקטור איז אויך ווי ביז יעצט

אויך ווײַטער טעטיג

לאָסען צו דער 1־טער קלאַס 38־טער לאָטעריע זענען שוין צו בעקומען

קאָנטאָ P. K. O. 67707

Dr. med:

J. BETTE

ספּעצ. פאַר אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען

נעמט ווידער אָן

Piotrkowska 6, tel. 144-95.

נעמט אָן פון 9—11 און פון 4—6 אָוונד

Dr. med.

M. JAKOBSON

choroby chirurgiczne

(spec. chirurgia kostna)

ul. Dr. Sterlinga 22

telefon 174-42

Dr. med.

P. Braun

ספּעצ. פאַר טריפּער, סיפיליס און הויט - קראַנקהייטען. בעהאַנדלונג פון מענער־שוואַכע

צעגעלניאַנאַ 4, טעל. 100-57

נעמט אָן פון 8—2 מיטאָג און פון 4—9 אָוו.

ספּעציעלער וואַרטע־זאַל פאַר פרויען.

פאַר אונבעמיטעלטע – לעטשניצע־פּרייזען

Dr. med.

Z. DATYNER

אוראָלאָג

ספּעצ. פאַר נירען בלאָז און אורין־קראַנק.

ZACHODNIA 59a, tel. 148-95.

Dr. med.

Markowiczowa

choroby skórne i weneryczne

MONIUSZKI 2, tel. 166-35.

Godz. przyjęć 8—1, 3—7 po poł.

Dr. med.

HERSZFINKIEL

ספּעצ. פאַר קינדער־קראַנקהייטען

האָט זיך איבערגעצויגען

אויף שרודמיעסקאַ 17

פּראַנט, I שט. טעל. 111-87.

אנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען

אויף דער זיצונג פון דער בודזשעט-קאמיסיע פון סענאט

סענאטאר ראדזיוויל דערצעהלט „אנעקדאטען" — דער אנטיסעמיטיזם איז נישט דאס אייגענטום בלויז פון די ענדעקעס שטעלט פעסט סענאטאר פעטראזשיצקי

וואר ש א, 13 (טעלעפאניש)

אויף דער פרייטאג'דיגער זיצונג פון דער בודזשעט - קאמיסיע ביים סענאט איז בעטראכט געווארן דער בודזשעט פון ביטדונגס־מיניסטעריום. צווישען אנדערן האט גענומען א ווארט סענ. מאלינאווסקי, וועלכער האט גערעדט וועגען דער לאגע אויף די הויכשולען. ער ציטירט סטאטיסטישע ציפערן, פון וועלכע עס איז צו זעהן, אז אויף דער אומיינער צאהל פון 48 טויזענד סטודענטען אויף די הויכשולען מאכען אוואנטורעס נאר 1500. די איבעריגע ווילען נישט קיין אוואנטורעס, אבער עס איז נישט רוהיג און אלה קאנסעקווענץ ווערען די שטודיום איבערגעריסען. נאך ערגער, מען פיהרט פערהאנדלונגען מיט די אוואנטורניקעס.

דער רעדנער ציטירט א פלוג־בלאט, אין וועלכען די אויטארען פאדערן איינצופיהרען א „געטא" פאר די יודען. די אקאדעמישע ווענדט טרעט צו נאך אזוי פיל בעמיהונגען, צו א רעצידירענדען קאמפ" און ווערט געדראהט מיט קאנסעקווענצען אין פאל די ווייטערע פאדערונגען זאלען נישט בעריקזיכטיגט ווערען. דער רעדנער האלט, אז א גרויסע שולד דערין האבען אויך איינגע רעקטארען, וואס קענען נישט מיט א שטארקער האנד איינפיהרען ארדנונג. סענאטאר מאלינאווסקי אפעלירט צום סוף צום מיניסטער, אז אין דער צוקונפט זאלען נישט זיין אזעלכע געשעהעניסען, וואס קאמפראמיטירען סיי די הויכשולען, סיי די מלוכה.

דער רעדנער מאכט אויפמערקזאם דעם מיניסטער, אז אויך צווישען די רעקטארען איז ניטאָ קיין נישט אייניגקייט. עס זעהט אוים ווי זיי וואלטען אליין פארגעטען צו די אוואנטורעס, נישט ליקווידירן די אונרוהען באלד אין אנהויב. אויב עס איז נישט בכח צו פערזיכערן די רוה אויף דער הויכשול, טא זאל ער און גענן. עס וועלען קומען אנדערע, וואס וועלען קענען פערזיכערן די רוה פון די שטודיום.

סענאטאר וועררט האלט די יודישע פראגע פאר א זעהר גרויס פראבלעם. עס זענען פאראן פראפעסיעס, ווי למשל, די מעדיצין, וואו מען האט א פראצענט יודישע דאקטוירים) אין דער ארוואר — אדוואקאטור אין דער דאזיגער פראצענט נאך א גרעסער. מען קען דאך מיך נישט חושד זיין אין אנטיסעמיטיזם, אבער איך פרעג זיך, פארוואס בעשטעהט זיך נישט די יודישע געזעלשאפט, קולטורעל צוזאמען מיט די יודישע מאסען? אין פערגלייך מיט אנדערע לענדער זענען די יודישע מאסען ביי אונז אפגעזונדערט און א טייל פון דער יודישער יוגענד איבער זעהר א סך צו ווינשען אין הינזיכט פון ... די וועלט־אנשויאונג איז א עקסטרעם רעוואלוציאנערישע. דער רעדנער ציטירט ציפערן פון פאליציישען געזונדהייטס - אינסטיטוט, וועלכער האט דערמיט אין דער קראקאווער וואיעוואדזטווא אין 90 אבגארטען צווישען שול־מעדלעך אין עלטער פון 14—18 יאהר און אז ערך 200 פאלען פון שווערע ווענערישע קראנקהייטען צווישען די שול־יוגענד אין משך פון פערגאנגענעם יאהר.

דער לעצטער רעדנער האט געהאלטען **סענאטאר פעטראזשיצקי**. ער שטעלט זיך אפ אויף די געשעהענישען אויף די הויכשולען און אנטיסעמיטיזם. דער אנטיסעמיטיזם איז נישט דאס אייגענטום פון די ענדעקעס. דער אנטיסעמיטיזם נעמט ארום אלס ברייטערע קרייזען אין פוילען. סענאט־פלענום האב איך גערעדט וועגען דעם יודישען געזעץ, וואס זאגט אז אויב דאס יודישע פאלק איז רייף געווארן צו עקאנאמישער קראפט, מוז דאס צוזאמענפאסען פאלק אפ... די יודישע פראגע האט מיט נארנישט נישט צו אומצעווארפען אדער אפצושוואכען די טעזען.

דער פראצעס פון בעהערשען די שטעט און לעך וועט ביי אונז פארקומען מיט א עלעמענטארער קראפט. און מאכט דאס, וואס די יודען שטעלען זיך אקעגען דעם דאזיגען פראצעס, דערפיהרט צו פערשארפונג, די געשעהענישען אויף די אוניווערזיטעטען זענען נאר א פראגמענט פון אל־געמיינעם פראבלעם. דעריבער איז דאס אפעלירען צום בילדונגס - מיניסטער, אז ער זאל מאכען א סוף צו די געשעהענישען אויף די הויכשולען צייליא. די שליסעל פון דער לעזונג ליגט אויף אן אנדער ארט און געפינט זיך נישט נאר אין די הענד פון דער רעגירונג נאר אויך פון די יודען. די נעגאטיווע האלטונג פון די יודען אין דער עמיגראציע־פראגע ווערט אויף דער אנטיסעמיטישער מיהל. פערשטעה זיך, אז דאס אויסשטעלען די פראגע אזוי: ...וועלען עמיגרירען, אבער אויך איהר עמיגרירט, אז די יודען פערשטעהען נישט די געזעלשאפטליכע עוואלוציע פון ווייסט פון פוילישען פאלק, אבער עס האנדעלט זיך וועגען דער פראגע פון דער ערע בשעת פאר יודען אויף די אוניווערזיטעט־קלאסען איך נישט די שטעלונג פון די יודען. זאל בעלייריגען דעם נאציאנאלען שטאלץ פון ..., איך מיין אבער, אז דער שטאלץ וואלט גע... דיקטירן זיך צו זעצען אפזייטס פון דעם, ... וויל מיט מיר נישט זיצען.

...מיניסטער האט גענומען א ווארט **סענאטאר** ...וויל. ער זאגט, אז די איצטיגע בעציהונגען די אוניווערזיטעטען קענען אויף להבא נישט ...ירט ווערען. עס איז אויסגעשלאסען, אז יאהר־... זאלען די הויכשולען פעריאדיש געשלאסען ... און אז די יוגענד זאל פערלירען צייט. אויב ... זענען שולדיגע, איז איב מיר וועלען זיין נטרכט

מוזען מיר זאגען, אז שולדיג זענען בידע צדדים.

דער סענאטאר ראדזיוויל דערציילט ביי דער געלע־גענהייט א „אנעקדאט": מיינס א פריינד איז גע־פאהרען פון זשאליבארזש דורך די נאלעווקעס אין א האלב־ליידיגען טראמוויי וואגאן. עס קומט אריין שפעט א יוד און האט זיך אוועקגעזעצט אויף דערזעל בער באנק, וואס מיין פריינד. דער פריינד האט זיך באלד איבערגעזעצט אויף אן אנדער באנק. דער יוד פרעגט: איהר האט נישט ליב קיין יודען, וואס רוקט איהר זיך אזוי אפ? מיין פריינד האט געענטפערט: ניין, איך האב יודען יא ליב, נאר איך פערטראג נישט דעם גערוך פון קנאבל (טעלעכטער), איך מיין, אז מיין אנעקדאט האט זיין אויסשפראך.

סענאטאר דאבאטשעווסקי האלט, אז אין די געשעהענישען אויף די הויכשולען דארף מען נישט וועלען זעהן קיין ספעציעלע פערוווילדערונג. עס ווירקען דא פאליטישע אינספיראציעס, וועלכע וועלען שטענדיג געפינען א פרעטעקס צו די אוני־ווערזיטעטס - מאנעוורעס.

סענ. פעטראזשיצקי האט גערעדט וועגען די נויט־ווענדיגקייט פון אונטערגעבען זיך די אייזערנע סא־ציאלאגישע געזעצען. מען דארף אבער געדענקען, אז אלע געזעצען שאפט דער מענשליכער גייסט. מען דארף נישט געהן טאך דער לאזונג. אונזערע געזעצען דארפען ענטשפרעכען די פוילישע מלוכה־אינטערע־סען.

סענ. פעטראזשיצקי ענטפערט דעם סענאטאר דא־באטשעווסקי און זאגט, אז אין זיין רעדע האט ער גערעדט וועגען דער עקזיסטענץ פון סאציאלאגישע טע־זעצן, וואס זענען געווענדעט געגען די יודען. ער האט זיך בעמיהט ווים מעגליך צו בעלייכטען דאס פראבלעם. קיינער האט קיין ציגעל נישט ארוים גענומען פון זיין סאציאלאגישער קאנסטרוקציע די יודען דארפען צוגעהן צום פראבלעם אביעקטיוו און רעאל און ער איז איבערצייגט, אז מען וועט גע־פינען א וועג צו מילדערן דעם הכסוך. א אביעקטיווע איינשטעלונג מצד די יודען צו דער עמיגראציע וועט גרום זיין צו א בערוהיגונג

צום סוף האט דער בילדונגס - מיניסטער שווענט טאסלאווסקי אפגעגעבען פאלגענדע ערקלערונג:

מיר מוזען פעסטשטעלען ערשיינונגען פון נער־ווענע אויפרייצונגען. מיר האבען צו טון מיט א קא־לעקטיווען פסיכאז פון דעם אדער יענעם שיכט פון דער בעפעלקערונג און אפילו פון דער אדער יענער גרופע יוגענד. קיין שום פערארדנונגען וועלען די פראגע נישט לעזען. אין אזעלכע פאלען דארף מען פיהרען א סיסטעמאטישע קוראציע, בכדי די מאסען וואס זענען ארומגענומען געווארען פון פסיכאז זא־לען זיך קענען ווערען בעוואוסט, אז זיי האבען זיך געלאזט פערפיהרען פון נישט נויטווענדיגע שטימונ־גען, וואס פרעגט שאדען די אינטערעסען פון דער מלוכה. צוזאמענארבייטען דארפען עלטערן, לעהרער און גייסטליכע.

סיים צוגעטרעטען צו דער דיסקוסיע איבער די בודזשעטען

וואר ש א, 13 (טעלעפאניש)

פרייטאג איז דער סיים צוגעטרעטען צו באַ־טראכטען די בעזונדערע בודזשעטען. ביים באטראכ־טען דעם בודזשעט פון סיים, האט דער דעפ. באג"ש זיך בעקלאגט אויף דעם ביטערן גורל פון איצטיגען סיים. די פרעסע באציהט זיך צו איהם נישט פריינט־לעך. די באפעלקערונג אינטערעסירט זיך נישט מיט איהם. „מיר געהערען טאקע נישט — זאגט דער רעדנער — צו קיין פאליטישע פארטייען, מיר גע־הערען דאך אבער זינט יאהרען צו פארשידענע געזעלשאפטליכע און ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס"

דער רעדנער לייגט פאר אלס רפואה, אז די דעפוטאטען אליין זאלען זיך באמיהען צו הויבען דעם אנזעה פון היינטיגען סיים...

דער בלינדער דעפ. וואגנער זעהט פאר, איצטיגען סיים א צווייטע רפואה, אז גאנצע גרופען דעפוטאטען זאלען האבען א רעכט ארייבצוטראגען פארשלאגען אין סיים און נישט, ווי ביז איצט, אז נאר איין דעפוטאט זאל מעגען אונטערשרייבען א פארשלאג.

אזוי ארום וועלען די דעפוטאטען ארויסווייזען מעהר איניציאטיוו און דער אנזעה פון סיים וועט וואקסען...

נאכדעם ווי דעם סיים האט אנגענומען די בודזשעטען פון דער מלוכה־קאנטראל־קאמער און פון פרעזידיום פון מיניסטעריע־ראט, רעפערירט עפ. וואלעווסקי דעם בודזשעט פון אויסערן - מיניס טעריום.

אין זיין רעפעראט דערציילט דעפ. וואלעווסקי אז עס איז שטארק געפאלען דער אויסטויש־האנדעל צווישען פוילען און ראטען־פארבאנד. און אז עס איז אויך באדייטענד געפאלען דער עקספארט קיין פאלעסטינע.

איבערגייענדיג צו דער עמיגראציע־פראגע, דער ציילט דער רעדנער, אז פון 1926 ביז 1930 האבען פון פוילען עמיגרירט יעדעס יאהר 193 טויזענט פערזאן, איצט פאהרען קוים ארויס 46 טויזענט עמיגראנטען א יאהר. פארשטייט זיך, אז דער רעפערענט לאזט נישט אדורך די געלעגענהייט צו רעדען וועגען דער יודישער עמיגראציע. ער האלט, אז פוילען וועט געפינען געוויסע מיטלען אויף ווירקזאם צו לעזען די עמיגראציע־פראגע. וואס שייך די יודען, רעדט ער וועגען דער „ספעציעלער עקאנאמישער סטרוקטור פון דער יודישער באפעל־קערונג" און פארזיכערט, אז „די פוילישע רעגירונג האלגט נאך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט די מעגליכקייט פון דער יודישער עמיגראציע קיין פאלעסטינא" און אז „זי וועט אונטערשטיצען יעדע אקציע פון די יודישע פאקטארן מיט'ן צוועק צו געפינען אנדערע עמיגראציע־טעריטאריעס"...

צום סוף קלאגט זיך נאך דער רעפערענט אויף דער כלומרשטער שלעכטער באהאנדלונג פון די פאליאקען אין ראטען־פארבאנד און אין טשעכיען דאגעגען וועגען דער לאגע פון די פאליאקען אין היטלער־דייטשלאנד, רעדט ער דורך א זיידען טיכעל. ער פאררופט זיך אויף די „ליבעראלע" רייד פון קאנצלער היטלער און פארזיכערט, אז דאס לעבען וועט באווייזען, ווי אזוי היטלער'ס ווערטער האבען געפינען פארשטענדיגונג ביי זיינע מיטבירגער.

צום לעצט האט דער סיים באטראכט דעם בודזשעט פון קריגס־מיניסטעריום. דער רעפערענט האט אנגעוויזען, אז אין דער איצטיגער מלחמה שפילט א דעצידירענדיגע ראָל דער מאטאר און די כעמישע אינדוסטריע. אין דער ריכטונג ארבייט איצט די פוילישע קריגס־אינדוסטריע, באמיהענדיג זיך צו זיין אומאפהענגיג פון אויסלאנד. דעם איבריגען טייל פון זיין רעפעראט האט ער געווידמעט דער פראגע וועגען דער ענגער צוזאמענארבייט צווישען דער באפעלקערונג און דער ארמעי.

מיטוואך פערעפענטליכט פולקאווניק קאץ זיין פראגראם

וויצע-מארשאלעק מיעדזינסקי וועגען נאציאנאליזם און ראדיקאליזם

וואר ש א, 13 (טעלעפאניש)

פרייטאג אין אווענט איז אין קאלומבוס־זאל פון סיים פארגעקומען א פארזאמלונג פון דיסקוסיע־קלוב פון די דעפוטאטען און סענאטארען, געוועזענע מלחמה־באטייליגטע.

וויצע־מארשאלעק פון סיים באגוסלאוו מיע דזינסקי האט געהאלטען א רעפעראט פון צוויי שעה.

מען האט ערווארט, אז דער אווענט וועט אויס־גענוצט ווערען אלס געלעגענהייט צו פערעפענטליכן די טעזען פון פולקאווניק אדאם קאץ. וויצע־מאר־שאלעק מיעדזינסקי האט אבער ערקלערט, אז ער וועט רעדען אלס מיעדזינסקי און נישט אלס קאץ. וואס שייך די טעזען פון פולקאווניק קאץ וועלען זיי וואהרשיינליך פערעפענטליכט ווערען מיטוואך.

מיעדזינסקי האט אין זיין רעפעראט צווישען אנדערע געזאגט, אז מען דארף געדענקען, אז עס איז אויסגעוואקסען א נייער דור און אז דער דייט־שער אנעמראוויץ און סאציאליסטען האבען געמיינזאמע שטריכען.

דאס, וואס אין יאהר 1905 זענען מארשאל פיל־סודסקי און ראמאן דמאווסקי געשטאנען אין צוויי געגענגעזעצטע לאגערן איז נישט קיין מניעה, דאס היינט זאל א זוהן פון א פילסודטשיק און א זוהן פון אן ענדעק איינשטימיג כאפען זיך צום געוועהר ביים פארטיידיגען דאס פאטערלאנד.

רעדענדיג וועגען נאציאנאליזם, האט וויצע־מארשאלעק מיעדזינסקי באטאנט, אז מ'דארף זיך נישט שעהמען דערמיט.

„מיר האבען צווישען אונז — האט ער געזאגט — א סך נאציאנאליסטען די נאמינע און די פאקטא. די ענדעקעס דאס זענען נאציאנאליסטען דע נאמינע און נישט זעלטן טרעפט זיך צווישן סאציאליסטען א נאציאנאליסט דע פאקטא".

דאן געהט דער רעדנער איבער צו דער אויס־לענדישער פאליטיק און שטעלט זיך אפ לענגער ביי די מלוכות, וואס ווערען נישט רעגירט דורך פאשיזם און אויך נישט דורך די עקסט־לינקע ריכטונגען.

צום סוף קומט ער צום אויספיהר, אז פאלק און מלוכה זענען סינאנימען און די גענעראלע ליניע איז ראדיקאליזם און נאציאנאליזם.

רעדענדיג וועגען דעם אמאליגער ב. ב. האט דער רעדנער קריטיקירט די קאנסערוואטיווע מאכנדיג זיי דעם פארוואורף, אז זיי האבען געקעמפט בלויז פאר זייערע אייגענע אינטערעסען.

געשעהענישען אין דזיאלאשין

וואר ש א (יט"א) דער יט"א ווערט מיטגע־טיילט פון דזיאלאשין, קרייז קאליש, אז די דארטיגע יודישע בעפעלקערונג שטעהט אונטערן רושם פון דערהווייל נישט אויפגעקלערטען טויט־פאל פון דער 22־יעהריגער נעכע שילית, א טאכטער פון דזיאלא־שינער תושב יוסף שילית, וועלכע מען האט מאנטאג דעם 8־טען ד. ח. געפונען טויט אין א ברונים.

דינסטאג דעם 9־טען ד. ח. בייגאכט איז צו די יודישע געזעלען - יונגלעך הערשעל באַרענשטיין און קאפעל רינג צוגעגאנגען איינער פון די רעדעל־פיהרער פון דער ארטיגער ענדעקישער יוגענד און זיי פערטשעפעט. אויף זייערע הילפס־רופען האט דער ענדעק צוויי מאל אויסגעשאסען פון א רעוואלווער. די יונגעלייט זענען על־פי נס ניצול געווארען. פא־ליציי האט שפעטער אויפן ארט פון אינצידענט גע־פונען די קוילען.

דאנערשטאג, דעם 11־טען ד. ח. איז דורך נאר־כען־יונגען מיט אן אייזען צושלאגען געווארען דער איבער 50־יעהריגער יוסף שמולעוויטש. אין א שווע־רען צושטאנד איז ער פרייטאג אפגעפיהרט געווארען אין שפיטאל אין וויעלון.

אויף דער שוועל פון דער 38 לאטעריע

מיט דעם נוצליך געענדערטען שפיל־פלאן. מיר ראטען נישט אפצושלעפען און תיכף צו קויפען א לאס אין דערבעקאנטער מיט גרויסע געווינסען גליקליכער האלעקטור פון

KAFTAL

Łódź, ul. Piotrkowska 54.

בריפליכע בעשטעלונגען ווערען תיכף ערלעדיגט. אויף וואונש ווערט ארויסגעשיקט אנ'אמטליכער שפיל־פלאן צוזאמען מיט די פארשריפטען אומזיסט. P. K. O. 304761 קאנטא

קאפטאל דער סינאנים פון גליק!

שטארקע אויפרעגונג אין ישוב צוליב דער אונטערהערטע
פערשוועכונג פון כותל-מערבי

ירושלים, 13 (יט״א טעלעגר.)
דער גאנצער יודישער ישוב איז שרעקליך אויפגערעגט צוליב א אונערהערטער פערשוועכונג פון כותל-מערבי, וואס האט נישט קיין ביישפיל אין דער געשיכטע. די כותל איז דורך אונענט־דעקטע פערברעכער בעשמוצט געווארען מיט אונ־ריינינקייטען.

אמנעסטירט צוויי פערמשפט׳ע אראבער
פון די געשעהענישען פון 1929

ירושלים, 13 (יט״א טעלעגר.)
דער עכו׳ער קארעספאנדענט פון „פעלעסטין״ טיילט מיט, אז צוויי אראבער פון צפת, וועלכע זע־נען געזעסען אין דער עכו׳ער תפיסה פאר באטייליגען זיך אין די אונרוהען פון 1929, זענען איצט אמנעסטירט געווארען.

אראבישע עקסטרעמיסטען דער־שאסען א אראבישען מוכטאר

ירושלים, 13 (יט״א טעלעגראפיש)
דער אראבישער מוכטאר פון דארף קאסריא איז היינט דערשאסען געווארען צום טויט דורך אראבישע טעראריסטען. דער אטענטאט איז אויס-געפיהרט געווארען אויפ׳ן באדען פון די שטארקע פאליטישע קאמפען, וואס קומען פאר צווישען די עקסטרעמיסטען און מעסיגע עלעמענטען.

כסדר׳דיגער אראבישער טעראר

ירושלים, 13. (יט״א טעל.) די טעראר אקטען פון די אראבער איבער׳ן גאנצען לאנד הע־רען נישט אויף, אין דער קאלאניע בן-שלמה האבען אראבער בעשאסען דעם דר. לעוויטין, בעת ער איז געווען פערנומען אין פעלד מיט איינשפאנען די פערד, דער עלטערער זוהן פון דאקטאר איז פער־וואונדעט געווארען.

אראבישע טעראריסטען האבען בעשאסען דעם שאסע צווישען כאס-על-ען, קיינער האט נישט געליטען.

אראבישע טעראריסטען בעשאסען יודישע וועכטער
איין יודישער וועכטער לייכט פערוואונדעט

ירושלים, 13. (יט״א) יודישע וועכטער וועלכע בעוואכען די פרדסים ארום דער קאלאניע ביתניה, נישט ווייט פון ים כנרת, זענען בעשאסען געווארען דורך אראבישע טעראריסטען, דער וועכ־טער יוסף בלומענפעלד איז פון די שאסען לייכט פערוואונדעט געווארען.

די טעראריסטען זענען אבגעטריבען געווארען.

אין חיפה האבען אראבישע טעראריסטען אויס-געפיהרט א באמבען-אטענטאט אויף א הויז פון מע־סיגע אראבער, קיין מענשען-קרבנות זענען נישט געווען.

1000 פונט בעלוינונג
פאר ענטדעקען די מערדער פון אראבישען דאקטאר טאהא

ירושלים, 13 (יט״א טעלעגר.)
אין שייכות מיט דעם בעשיסען דעם ענג־לישען דאקטאר און צוויי קראנקען פלעגערינס אין נצרת האט די פאליצייי ארעסטירט א רייהע ארא־בישע נאטאבלען.

די פאליצייי האט בעשטימט 1000 פונט בע־לוינונג פאר אנווייזען וואו עס געפינען זיך די מערדער, וואס האבען ערמארדעט דעם אראבישען דאקטאר טאהא אין חיפה.

ביי גריפע
פערקיהלונג
Togal
טאבלעטקעס

עקזעקוטיוו-מיטגליד י. גרינב[וים]
קומט קיין פוילען

ירושלים, 13 (יט״א טעלעגר.))
אין דער נאהענטסטער צייט פאהרט אפ[...] פוילען דער עקזעקוטיוו-מיטגליד פון דער יו[דישער] אגענץ, ה׳ יצחק גרינבוים.

חיפהער פארט זאל געשלא[סען] ווערען אויף א האלב יאה[ר]

ירושלים, 13 (יט״א טעלעגראפיש)
עס האט זיך פערשפרייט א קלאנג, א[ז] חיפה׳ר פארט זאל געשלאסען ווערען אויף א[...] יאהר פאר דעם האנדעלס און פאסאזשיר פ[...]
אין דער אומגעגענד פון חיפה זאל אויך [...] מען מאנעווערעס.

סער ארטור וואוקאפ פערלאזט דעם אמ[ט]
פון הויך-קאמיסאר אין ארץ-ישראל?
גענ. דזשאן דיל האלט נישט פאר מעגליך צו פערלאזען איצט א״י

לאנדאן, (יט״א טעלעגר.)
דער דיפלאמאטישער קארעספאנדענט פון „דיילי טעלעגראף“ טיילט היינט מיט א סענזאציאנעלע ידיעה, לויט וועלכער דאס קאלאניען-מיניסטעריום אין לאנדאן האט ארויסגעשיקט אן אינסטרוקציע צום גענ. דזשאן דיל. וועלכער פירט אן מיט די מיליטערישע כוחות אין א״י, ער זאל זיך צוריק־קעהרען קיין לאנדאן אויף א געוויסער צייט. גענ. דיל האט זיך אבער ענטזאגט נאכצוקומען דעם דא־זיגען באפעהל, מאטיווירענדיג זיין שריט דערמיט, דאס די סיטואציע אין פאלעסטינא פארערט זיין אנוועזענהייט אין לאנד. הגם ער ערווארט נישט קיין ערנסטע אונרוהען אין דער נאהענטסטער צו־קונפט — האט גענעראל דיל ראפארטירט צום קא־לאניאל-אמט — קען ער אבער נישט ביז דעם נעכסטען אימיגראציע - שעדיול פערלאזען זיין פאסטען אין לאנד אפילו אויף א קורצער צייט.

דער דיפלאמאטישער קארעספאנדענט פון „דיילי טעלעגראף“ גיט דערביי צו, אז דער נעכסטער שעדיול פאר דעם האלב-יאהר אפריל־אקטאבער 1937 וועט נישט פערעפענטליכט ווערען פריהער ווי אין יוני מאנאט און נישט ווי געוועהנליך אין אפריל.

דער היינטיגער „דיילי טעלעגראף“ פערעפענט־ליכט נאך א צווייטע סענסאציאנעלע ידיעה, לויט וועלכער דער ביז-איצטיגער הויך־קאמיסאר פון א״י סער ארטור וואוקאפ, וועלכער ווייל איצט אין לאנדאן, וועט זיך שוין מעהר נישט צוריקקעהרען קיין א״י, און אז דעם העכסטען אמט אין א״י וועט פערנעמען נישט קיין מיליטער-מאן נאר א ציוויל־פערזאן.

דאס באשטימען אויפ׳ן אמט פון הויך-קא־מיסאר א ציוויל-פערזאן בעצוועקט צו פערמיי־דען מעגליכע מיספערשטענדנישען צווישען גענע־ראל דיל, וועלכער איז דער פאקטישער העכסטער לייטער פון די מיליטערישע כוחות אין לאנד און דעם הויך-קאמיסאר. אויב דער דאזיגער אמט ווערט אויך אנגעפיהרט דורך א מיליטער-מאן. אין קא־לאניאל-אפיס האלט מען דעריבער פאר צוו[...] סיגער, דאס אלס הויך-קאמיסאר זאל בע[...] ווערען א ציוויל-פערזאן.

גענ. הויך-קאמיסאר סער דזשאן טשענסלאר פערהע[רט]
געווארען אויף א פערטרויליכער זיצונג פון דער קעניגל. קאמיס[יע]
פאר וויכטיגע פאליטישע ענטשיידונגען אין לאנדאן!

לאנדאן, 13. (יט״א) דער שווערפונקט פון דער פאליטישער אקציע בנוגע א״י האט זיך נאכ׳ן צוריקקעהר פון דער קעניגליכער קאמיסיע אריבערגעטראגען קיין לאנדאן, וואו עס זענען איצט טעטיג פרעז. דר. וויצמאן און נאך אייניגע עקזע־קוטיוו-מיטגלידער פון דער יודישער אגענץ.

מאנטאג ווערט אויך ערווארט אין לאנדאן דער לייטער פון פאליטישען רעסארט פון דער עק־זעקוטיווע משה טשערטאק.

לאנדאן, 13. (יט״א) סער דזשאן טשענ־סלאר, וועלכער איז געוועזען הויך-קאמיס[אר] א״י אין די יאהרען 1928–1931 איז פער[הערט] געווארען דורך דער קעניגליכער קאמיסיע א[ויף] פערטרויליכער זיצונג אין לאנדאן.

ענגלישע קעניגליכע פאר בעזוכ[ט]
דעם יודישען קווארטאל אין לאנדאן
קעניגליכע מאניפעסטאציע פון יודען

לאנדאן, (יט״א טעלעגר.)
א אויסדריקליכע מאניפעסטאציע פון דער ענג־לישער קעניגליכער פאר, קעניג געארג דעם 6־טען און די קעניגי׳ן געגען דעם אנטיסעמיטיזם אין ענגלאנד און אין אנדערע לענדער איז פארגעקומען ווען דאס קעניגליכע פאר האט בעזוכט די לאנדא־נער איסט-ענד (ווייטשעפל), וועלכער איז באוואוינט כמעט אויסשליסליך דורך יודען.

פאר זייער ערשטען עפענטליכען באזוך האט די קעניגליכע פאר אויסגעקליבען דעם יודישען קווארטאל גראד אין א שבת׳דיגען טאג. דער באזוך האט געדויערט העכער א שעה צייט און איז ארורך אין א מוסטערהאפטער ארדנונג. די גאסען פון איסט ענד זענען געוועזען פארפלייצט מיט א פארשי־דענפארביגען עולם, דערונטער פיל יודישע מאמעס מיט קליינע קינדער אויף די הענט. דער עולם האט געמאכט שטורמישע אוואציעס לכבוד דעם קעניג און דער קעניגין. די אויסרופען „לאנג זאל לעבען דער קעניג“ זענען ענטוזיאסטיש אונטערגעכאפט געווארען דורך דעם גאנצען המון. די פענסטער און באלקאנען זענען געווען ספעציעל דעקארירט און באפוצט.

בעת דעם עפענטליכען באזוך פון דער קע־ניגליכער פאר אין איסט-ענד האבען געהאלפען היטען די ארדנונג די געוו. יודישע פראנט-זעלנער, וועלכע זענען געקומען אלס ארגאניזיר-אפטיילונג אונטער דער פאהנע פון יודישען לעגיאן.

דער באזוך פון דער קעניגליכער פאר אין יודישען קווארטאל איז מיט גרויס צופרי[דענהייט] אויפגענומען געווארען דורך [...] יודישע[...] קערונג.

רב-הראשי פון א״י דר. הער[צאג] אין ענגלאנד

לאנדאן (יט״א) קיין לאנדאן איז אנג[עקומען] דער נייגעוועהלטער רב הראשי פון א״י, הר[ב] יצחק הערצאג, פון לאנדאן איז הרב הערצאג [...] פאהרען קיין דובלין, וואו ער איז פריהער געוו[ען] הכולל.

הרב ד״ר הערצאג האט איבערגעגעב[ען] יט״א, אז ער האפט צוריקצוקעהרען קיין א״י [...] פסח־צייט.

REICHER
פאלודניאווא 28, טעל. 93-[...]
ספעציאליסט
זאר מענער · שווערע · בעהאנד[לונג]
סעקסועלע פערשטערונגען פון פסיכא · אנאל[...]
נעמט אן פון 8—11 פון 5—8 אוונט

מיינונגס-פערשידענהייטען צווישען וואוקאפ און גענעראל דיל

ירושלים, 13 (יט״א טעלעגראפיש)
די אראבישע פרעסע ווידמעט פיל ארט דער רייזע פון הויך-קאמיסאר וואוקאפ קיין לאנדאן, „אל ליווא“ שרייבט, אז וואוקאפ וועט אין לאנדאן אויפ־שטעלען די פראגע פון דער רעאליזירונג פון זיין פא־ליטיק. דערפון וועט ער מאכען אפהענגיג צי ער וועט בלייבען אויף זיין אמט אדער נישט. די אראבישע צייטונגען מעלדען אויך, אז צווישען וואוקאפ׳ן און גענעראל דיל זאל האבען אויסגעבראכען א מיינונגס־פערשידענהייט.

אויספלוג
קיין ווין
פון 17/II–1/III ד. י. פרייז 135 זל.

אויספלוג קיין
לאנדאן און פאריז
דעם 17/II — 1/III 1937
ערלעדיגט
דאס וועלט-רייזע-ביורא
Union Lloyd
42 פיעטריקאווער 42
טעל. 87-107.

אינטערווענץ פון דער מלוכה אין ענגלישען ווירטשאַפטליכען לעבען

מען רעדט אזוי אָפט וועגען דער מאַכט פון דער ...פענטליכער מיינונג אין ענגלאַנד, אז עס וואָלט ...פון אינטערעסאַנט אָנצוווייזען אויף אַ טיפי־ ...ען ביישפּיל ווי אזוי די ענגלענדער בענוצען זיך ...ייערע דעמאָקראַטישע פּרעראָגאַטיוען, וואָס ...ן דעם רעכט פון וואָכען איבער דעם ...עס קומט פאָר אין עפענטליכען לעבען. עטוואָס ...ליכעס האָט פּאַסירט מיט אייניגע טעג צוריק ...אַלץ איז פאָרגעקומען מיט אַזאַ שנעליגקייט, ...אין אויסלאַנד האָט מען מסתמא גאָרנישט ...עמערקט.

דאָס בריטישע לופט־פליה־מיניסטעריום שפּילט ...די איצטיגע בעדינגונגען אַ מעכטיגע ראָלע ...געניסט פון אויסערגעוועהנליכע פּריווילעגיעס. ...האַלט ביים רעאַליזירען דעם בעוואָפנונגס פּלאַן ...דער לופט וואָס זיין נויטוועניגקייט האָבען ...רקענט דער פּאַרלאַמענט און אַלע פּאָליטישע ...רטייען, עס זענען אויסגעגעבען געוואָרען אַ סך ...לאָנען פונט שטערלינג און אויך וואָס פאַר ...זיי זענען אויסגעגעבען געוואָרען. עס האַנ־ ...זיך אין דער מעגליכסט קורצעסטער צייט אויס ...בויען עטליכע הונדערט לופט־עסקאַדרעס און ...אויספיהרען דעם פּלאַן גענייסט דאָס מיניס ...ריום פון פולשטענדיגער האַנדלונגס פרייהייט.

...דער פּלאַן צו פערשטאַרקען די בריטישע לופט ...וועט פאַר דאָס אויסבויען און מאָנטירען אַ ...סמערע צאָהל דייזע אינדוסטריע־ווירטשאַפטען וואָס ...לען זיך אונטערנעהמען צו פּראָדוצירען געוויסע ...טיילען פון לופט־פליה מאַטאָרען. מיט אייניגע ...צוריק האָט דאָס מיניסטעריום ערקלערט, אז ...פון די דאָזיגע ריזיגע פאַבריקען זאָל אויפ־ ...געשטעלט ווערען נישט ווייט פון לאָנדאָן אין אַ געווי־ ...דאָרפישער געגענד, ווי מען האָט אָפיציעל ער ...איז דער פּראָיעקט שוין בעשטעטיגט און ...אָרט איז שוין אויסגעוועהלט און אפילו גע־ ...די אונטערנעהמונגען, וואָס האָט זיך אונ ...נעמען אויפצובויען די פאַבריק און שפּעטער ...צו עקספּלואַטירען, איז שוין געווען קאָנסטיטו ...און האָט זיך פערזיכערט די פינאַנציעלע הילף ...אַ מעכטיגען קאָנסאָרציום. עס האָט זיך געדוכט, ...שטעהט גאָרנישט אין וועג, אז די גרויסע אונ ...טערנעהמונג זאָל געלאָזט ווערען אין בעוועגונג.

...די „אַמטער“ האָבען פערגעסען, אַז אין ...לאַנד איז פאַראַן אַ מעכטיגער כח וואָס רופט ...עפענטליכע מיינונג, עס האָט זיך אָנגעהויבען ...קליינינקייטען. אין פּאַרלאַמענט איז געפאַלען ...פראַגע. מען האָט אינטערפּעלירט דאָס לופט מי־ ...ניסטעריום, אויף וואָס פאַר אַ יסוד מען האָט בע־ ...שלאָסען צו בויען אַ נייע פאַבריק אין אַ אָרט, וואָס ...נישט קיין ארבייטס הענט, בעת אַ ביסעל ווייט־ ...פון לאָנדאָן זענען פאַראַן גענוג דערפער פול מיט ...ארבייטסלאָזע, פון צווישען וועלכע מען וואָלט אַמ־ ...זיכערסטען געקענט רעקרוטירען די אַרמעע פון ...ארבייטער, וואָס זענען נויטיג אויסצופיהרען ...די ארבייטען, דאָס מיניסטעריום האָט עטוואָס מיט ...געענטפערט, אַז דער ענין איז גענוג אויס ...טראַכט געוואָרען אין די אַמטען און דאָס אויס־ געוועהלטע אָרט, איז דאָס איינציגע, וואָס ענט־ שפּרעכט סיי פון טעכנישען שטאַנדפּונקט, ווי אויך אין היגזיכט פון טראַנספּאָרט, דאָס מיניסטעריום איז וואַהרשיינליך געווען איבערצייגט, אז דערמיט איז דער ענין ערלעדיגט, געשעהען איז אָבער פּונקט דער היפּוך: די עפענטליכע מיינונג האָט אָנגעהויבען אויסצואיבען אַ מעכטיגען דרוק. די דע־ פּוטאַטען, וואָס רעפּרעזענטירען די צפונ׳דיגע פּראָ־ ווינצען האָבען זיך געווענדעט מיט אַ גאַנצע סעריע אינטערפּעלאַציעס צום פּרעמיער. די פּרעסע מיט׳ן „טיימס“ אין דער שפּיץ האָבען אָנגעהויבען צו „פּערעפּענטליכען מאַסען בריף פון זייערע לעזער. עס איז גענוג געווען 3 טעג, אז די רעגירונג זאָל זיך ערנסט בעאונרוהיגען מיט דער ווענדונג, וואָס דער ענין האָט אָנגענומען. עס איז צוזאַמענגערו־ פען געוואָרען אַ אויסערגעוועהנליכע זיצונג פון קאַבינעט און דער לופט־פליה מיניסטער איז גע־ בעטען געוואָרען צו געבען אויפקלערונגען. ער האָט דאָס געטון אַרויס׳וקענדיג אַ רייהע טעכנישע אַרגומענטען. מען האָט דעם מיניסטער געענטפערט, אַז די אַרגומענטאַציע איז נישט קיין גענוגענדע. עס איז נעמליך נישט דערלויבט צו שאַפען נייע אינ־ דוסטריע צענטרען, בעת שוין עקזיסטירענדע זע־ נען געשלאָסען. דורך אַ דעקלאַראַציע פון פּרעמיער האָט די עפענטליכע מיינונג אָפיציעל אינפאָרמירט, אז דער פּראָיעקט פון בויען נייע פאַבריקען ביי לאָנ־ דאָן ווערט נישט פערווירקליכט, און אַז מען וועט זוכען נייע געביטען אין די צפונ׳דיגע פּראָווינצען פון לאַנד. אַלץ איז אַלזאָ ערלעדיגט געוואָרען אין דער גרעסטער רוה און דער גאַנצער אינצידענט איז ליקווידירט געוואָרען, נישט בעוויזענדיג זיך צו פערוואַנדלען אין אַ סקאַנדאַל.

עס מוז נאָך בעטאָנט ווערען, אז דער אינ־ צידענט מיט דער „פאַבריק“, וועלכע מען וועט נישט בויען, שאַפט אַ וויכטיגען פּרעצעדענס. צום ערשטען מאָל איז נעמליך פעסטגעשטעלט געוואָרען דער פּרינציפּ, לויט וועלכען די מלוכה האָט דאָס רעכט צו דעצידירען וועגען דער געאָגראַפישער פּערטיי־ לונג פון די אינדוסטריע צענטרען, שוין זייט אַ לאַנגער צייט האָבען זיך געהערט שטימען, וואָס האָבען געפאָדערט, אז מען דאַרף קומען צו הילף נישט נאָר די שוין עקזיסטירענדע ארבייטס וואַר־ שטאַטען, נאָר מען דאַרף אויך פערשפּרייטען די קאָנטראָלע איבער דער גרינדונג פון נייע צענטרען איצט איז דאָס שוין אַ ערלעדיגטער ענין, ווייל אין ענגלאַנד האָט אַ איינמאָל פעסטגעשטעלטער פּרע־ צעדענס אַ גרעסערען ווערט, ווי אַ סך געשריבענע געזעצען.

אוגור.

ענגלאַנד וויל האָבען מעהר קינדער

ענגלאַנד דאַרף האָבען מענשען צו בעוועלטיגען איהר אימפּעריע

(אַ בריף פון לאָנדאָן)

ב. סמאַליאַר

וואָס זאָל מען טון מיט די נישט־געבוירענע קינ־ דער ?...

די דאָזיגע פראַגע ווערט איצט ברייט און אָפען דיסקוטירט אין ענגלאַנד, דיסקוטירט ווי אַן ערנסט פּראָבלעם ווי אַ זאַך, מיט וועלכע ענגלאַנד שטעהט אויף פאַלט.

די ענגלישע רעגירונג האָט זיך איצט אַרומגע־ קוקט, אז מען קינדערלט נישט אין ענגלאַנד; אז וואָס רייכער אַ פאַמיליע איז, אַלץ ווייניגער קינדער האָט זי; אז די באַפעלקערונג אין ענגלאַנד האַלט אין איין קלענער ווערען.

די באַפעלקערונג אין ענגלאַנד וואַקסט נישט. מיינט עס, אז אין אַ דור אַרום וועט ענגלאַנד נישט האָבען קיין מענשען צו שיקען אין איהרע קאָלאָניעס; מיינט עס, אז די גאַנצע בריטישע אימפּעריע וועט זיך מוזען צופאַלען; מיינט עס אַ סוף פון ענגלאַנד.

אין די איצטיגע צייטען פון אומרוה, ווען נאַצי־ דייטשלאַנד פיהרט אַן אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר פיל קינדער; ווען מוסאָליני גיט פּריזען צו יעדער איטאַליענישער פאַמיליע, וואָס באַמיהט זיך צו האָבען מעהר ווי פינף קינדער; ווען פּראָדוצירען וואָס מעהר קינדער איז געוואָרען אַזאַ נויטווענדיגקייט. ווי דאָס שאַפען פון אַ שטאַרקער אַרמעע — אין אַזעלכע צייטען, וואָס וועט זיין דער גורל פון ענגלאַנד, אויב איהר מאָגערע באַפעלקערונג פון 46 מיליאָן מענשען וועט פון יאָהר צו יאָהר קלענער ווערען בלויז דערפאַר ווייל מען האָט אויפגעהערט צו האָבען קינדער אין ענגלאַנד ? ווי אַזוי וועט ענגלאַנד מיט אַ פאַרקלענערטער באַפעלקערונג, קאָנען באַהערשען די בריטי־ שע אימפּעריע, וואו די באַפעלקערונג האַלט אין שטענדיגען וואַקסען ? ווי אַזוי וועט די איינציגע פּענע ענגלאַנד קענען האַלטען די צוימען איבער דעם האַלבען מיליאַרד מענשען, וואָס וואוינען אין אַלע טיילען פון גרויס־בריטאַניען און וועלכע ווייסען נישט פון געבורטקאָנטראָל און ווילען גאָר פון אַזא זאַך נישט וויסען ?..

די דאָזיגע פראַגען ווערען איצט מיט גרויס ערנסט דיסקוטירט אין ענגלישע רעגירונגס קרייזען, און פלענער ווערען געמאַכט, און מיטלען ווערען באַטראַכט און געזעץ־פּראָיעקטען ווערען שטילערהייט צוגעגרייט — אַלע מיט דעם איין־און־איינציגען צוועק:

— ווי אזוי מאַכט מען, אז ענגלאַנד זאָל האָבען מעהר קינדער?... ווי אזוי צווינגט מען די ענגלענדער זיי זאָלען זיך איצט אָנהויבען אָפּצוואוינען פון דעם „געבורטקאָנטראָל״?..

* * *

וויסענשאַפטס־לייט אין ענגלאַנד, וואָס אַרבייטען איצט אויפן פּראָבלעם ווי אַזוי צו פאַרגרעסע־ רען ענגלאַנדס באַפעלקערונג, זענען זעהר אלאַרמי־ רענד געשטימט. זיי האָבען אויסגערעכענט, אז אין די קומענדע 10 יאָהר וועט די באַפעלקערונג פון ענג־ לאַנד זיך פאַרקלענערען אויף 8 מיליאָן מענשען — אויף גאַנצע 20 פּראָצענט, און אין אַ דור אַרום וועט ענגלאַנד האָבען נישט מעהר ווי אַ באַפעלקערונג פון אַרום 18 מיליאָן מענשען. וואָס דאָס איז ווייניגער ווי אַ העלפט פון דער איצטיגער באַפעלקערונג.

וואָס קען ענגלאַנד טון דערצו, אז דער צוריק־ גאַנג פון איהר באַפעלקערונג זאָל נישט זיין אַזוי קאַטאַסטראָפאַל ?..

גאָרנישט. עס איז זוי אַקורעט, וואָס מען האָט זיך געכאַפּט וועגען איהר אַביסעל צו שפּעט. מיט דער צייט — אויב די ענגלענדער זאָלען האָבען מעהר קינדער — קען מען די דאָזיגע פראַגע, נאַטירליך, נאָך אויסהיילען. פאַר די קומענדיגע נאָהענטע יאָהרען איז עס אָבער שוין פאַרפאַלען. פאַר די קומענדיגע נאָ־ הענטע יאָהרען מוז די באַפעלקערונג אין ענגלאַנד פאַלען — און קיינער קען דאָס נישט פאַרהיטען.

די אַלאַרמירענדע אויסמעסטונגען פון די ענגלי־ שע וויסענשאַפטס־לייט און סטאַטיסטיקער וואָלטען אפשר נישט באַאומרוהיגט די ענגלישע רעגירונג ווען זי וואָלט נישט געמאַכט איהרע איגענע אויסרעכנונ־ גען. אַ שטילע פאָלקס־ציילונג, וואָס די רעגירונג האָט געמאַכט אין איהרע ביוראָס, ווייזט אָבער, אז די ווי־ סענשאַפטס־לייט זענען אין זייערע טרויעריגע נבי־ אות מעהר־ווייניגער גערעכט, און דאָס איז עס, וואָס מאַכט די געמיטער פון געוויסע ענגלישע מלוכה־מע־ נער אַזוי שווער.

די ענגלישע שטאַטס־לייט האַלטען, אז געשיכטע חזרט זיך איבער. זיי קוקען דערפאַר מיט אומרוה אויף די אַמאָליגע צייטען פון דער שטאַרקער גריכי־ שער אימפּעריע און זיי פאַנטאַזירען, אז דער פאַל פון דער גריכישער אימפּעריע פון אַמאָל איז געקו־ מען בלויז צוליב איין זאַך: בלויז צוליב דעם צו־ ריקגאַנג אין דער צאָהל פון דער באַפעלקערונג. די גרי־ כען פון יענער צייט — קולטורעלע מענשען — האָ־ בען זיך נישט געאיילט חתונה צו האָבען, האָבען נישט געוואָלט האָבען מעהר ווי איין קינד, האָבען גע־ וואָלט לעבען לייכט און אין קאָמפאָרט. האָבען נישט געוואָלט קיין יאָך פון קינדער־ ערציהונג. נו, איז גריכענלאַנד אומגעקומען גראָדע אָהן שום עפּידעמי־ שע קראַנקהייטען און מלחמה. אומגעקומען פון זיך אַליין, פון דער פאַרקלענערונג פון איהר באַפעל־ קערונג.

אין ענגלאַנד איז איצט די פּערספּעקטיווע פיל ערגער, ווי אין אַמאָליגען גריכענלאַנד, אין אַמאָליגען גריכענלאַנד האָט מען אַבעהאַלטען נישט געוואוסט פון די מאָדערנע מעטאָדען פון געבורט־קאָנטראָל, אין ענגלאַנד ווייסט מען אָבער יאָ פון זיי, מען ווייסט זיי, און עס וועט זיין זעהר שווער זיך פון זיי אָפּצו־ געוואוינען, די פּראָפּאַגאַנדע פון דער ענגלישער רע־ גירונג צו האָבען מעהר קינדער וועט גאָרנישט זיין אַזאַ לייכטע. עס וועט זיין אַ קאַמף פון נאַציאָנאַלער פליכט קעגען באַקוועמען קאָמפאָרט, פון אַ קינדער־ וועגעלע קעגען אַן אויטאָמאָביל.

און צו פּראָקלאַמירען דעם דאָזיגען קאַמף מאָבי־ ליזירט איצט די ענגלישע רעגירונג אַלע איהרע קרע־ פטען...

* * *

יענע וואָס אַרבייטען איצט אין ענגלאַנד אויף דער דאָזיגער פּראָבלעם, גיבען זיך אָפּ אַ חשבון, אז בלויז מיט פּראָפּאַגאַנדע וועט מען נישט קאָנען באַאיינפלוי־ סען די ענגלישע באַפעלקערונג צו האָבען גרויסע פאַמיליעס. עפּעס וועט מוזען געטון ווערען אויך אויפן סאָציאַלען געביט. די רעגירונג וועט מוזען מאַ־ כען געוויסע רעפאָרמען אין דעם גאַנצען ענגלישען פאַמיליען־לעבען, אויב זי וויל אז מענשען אין ענגלאַנד זאָלען חתונה האָבען און האָבען אַ סך קינדער.

וועגען אַזעלכע רעפאָרמען קלערט מען איצט, רע־ פאָרמען וואָס זאָלען אונטערנעהמען ביי די עלטערען די לאַסט פון קינדער־אויפציהען און וועלכע זאָלען די דאָזיגע לאַסט איבערגעבען דער מלוכה. קינדער־האָבען און טראָגען דעם עול פון מאַכען זיי פאַר מענשען — דאָס איז אַ זאַך, וואָס נישט פיל ווילען. קינדער־האָבען אין די מלוכה זאָל זיך פאַר זיי זאָרגען, איז שוין אָבער אַ גאַנץ אַנדער זאַך. אַ־ זעלכע עלטערען וועלען זיך שוין געפינען אין אַ גע־ ניגענדער צאָהל.

ענגלאַנד וויל איצט וואָס מעהר קינדער, ענג־ לאַנד מוז איצט האָבען מעהר קינדער, אָהן אַ נייעם פאַרמעהרטען דור איז ענגלאַנד פאַראורטיילט צום אונטערגאַנג. און ווער פון די ענגלישע מלוכה־לייט וויל עס, אז ענגלאַנד זאָל אונטערגעהן?

...עגען די אַרבייטס־פּלענער פון „דזשאָינט“ אין פּוילען

...יט״אַ אינטערוויאו מיט ד״ר ד. שווייצער

...ראַרשע. (יט״אַ). צוליב דעם גרויסען אינטער־ ...וואָס איז דאָ אין דער יודישער געזעלשאַפט צו ...פראַגע וועגען די ווייטערדיגע אַרבייטס־פּלענער ...„דזשאָינט“ אין פּוילען האָט די יודישע טעלע־ ...אַגענטור זיך געווענדעט צום דירעקטאָר ה׳ ...שווייצער פאַר זיין אָפּפאָהר פון פּוילען נאָך אויס־ ...ען אין דער דאָזיגער פראַגע.

...מוזען ראשית־כל — האָט געזאָגט ה׳ דיר. ...— מאַכען אַ באַמערקונג צו דער עצם־פראַ־ ...אונזערע פּלענער. פּוילען איז פאַר אונז ...קיין נייע־ענטדעקט לאַנד. מיר פיהרען אונזער ...אין פּוילען שוין כמעט צוויי צעהנדליג יאָהר, ...ערשטער פּלאַן איז אויפצוהאַלטען די אַר־ ...וואָס מיר האָבען דאָ געפיהרט די גאַנצע צייט. ...טאָמער ווי ביז איצט, איז נויטיג די פון פרי־ ...איינגעשטעלטע אַרבייטען איינצוהאַלטען און ...ערשטאַרקען. אונזער אַרבייט, למשל, פאַרן יו־ ...קינד, פאַר געזונדהייטס — וועזען, פאַר די ...א.א.וו., מוזען געשטאַרקט ווערען אויף וויפיל ...אייגענע קרעפטען פון דער יודישער געזעלשאַפט ...אָפּגעשוואַכט געוואָרען, איבעריג צו זאָגען פון ...דער באַרייטונג עס איז די אַלע הערמאַנטע אַנ־ ...שטעלטען אייגצוהאַלטען.

...עס איז איבעריג אָנצוווייזען אויף דער וויסטיג־ ...פון ווייטערען אונטערשטיצען די גמ״ח קאַסעס. ...ווייזן באַקאַנט ווי גרויס עס איז די צאָהל פון די קאַר ...און ווי געליבט זיי זענען ביי דער גאַנצער באַ־ ...קערונג. די איצטיגע צייט האָט אַרויסגערופען נייע ...באַגען פון די קאַסעס און אין דער ערשטער ריי ...אונטערשטיצען די וואָס ליידען פון דער לעצ־ ...פערערגערטער לאַגע. מיר וועלען טון אַלץ, ...ווי וויבט מעגליך שטאַרקען די גמ״ח קאַסעס. ...ווייגע להבא זענען: מיר גרייט די אַרבייט צו פאַר־ ...ברייטערען און צו פערשטאַרקען די עקזיסטירענדע ...עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און צו שאַפען נייע ...שוואַכע מעגליכקייטען. מיר מוזען דערביי ער־ ...קלערען, אז מיר האָבען פאַר זיך געזעהען גרויסע ...נויטיגקייטען בנוגע דעם פאַרווירקליכען די דאָזי־ ...פּלענער. עס איז קלאָר, אז דער „דזשאָינט“ קען די אַרבייטען פון אַזאַ כאַראַקטער דורכפיהרען נאָר דורך דער אָרטיגער אָרגאַניזירטער יודישער געזעל־ שאַפט, לויטער אָבער איז קלאָר אויף דעם ווירט־ שאַפטליכען, ד.ה. אויף דעם וויכטיגסטען געביט, די יודישע געזעלשאַפט ביז איצט געווען זעהר שוואַך אָר־ גאַניזירט.

דער „דזשאָינט“ האָט פון לאַנג אָן געהאַט דעם איינדרוק, אז צווישען דער פּוילישער בעפעלקערונג מעהלט אַ גרופּע אָדער אפילו אייניגע גרופּען פון אָנ־ געזעהענע פּערזענליכקייטען, מיט וועלכע מען וואָלט זיך געקענט פאַרשטענדיגען, איבער די נויטען פון דער יודישער באַפעלקערונג, כדי צוזאַמען מיט זיי געפינען די ריכטיגע וועגען, מיט וועלכע מען וואָלט געקענט טראָגען הילף דער פּראָדוקטיווער יודישער באַ־ פעלקערונג און בייהילפיג זיין ביים שאַפען די זעלבסט הילף־אָרגאַניזאַציעס פאַר זיי. אין די פריהערדיגע יאָהרען האָט זיך דער „דזשאָינט“ איינגעגעבען צו שאַפען ספּעציעלע גרופּען מיט וועלכע ער שטייט נאָך ביזן איצטיגען מאָמענט אין אַן ענגען קאָנטאַקט דאָס זענען אָבער גרופּען, וועלכע דינען אויסשליס־ ליך די ספּעציפישע נויטען אויף דעם אָדער אַנדערען געביט.

אלס ביישפּיל קען דאָ דינען די גרופּע, וועלכע קאָנצענטרירט זיך אַרום דער געזעלשאַפט „צענטאָס“ וועלכע האָט די אויפגאַבע פון אָפּהיטען דעם געזונד צושטאַנד פון דער יודישער באַפעלקערונג, אָדער די גרופּע וועלכע קאָנצענטרירט זיך אַרום די גמ״ח־קאַר סעס, וועלכע קומען צו הילף מיט הלוואות דעם אָ־ רימסטען טייל פון דער יודישער באַפעלקערונג, אַנ־ דערע אָבער געביטען זענען געווען אין דער הינזיכט פאַרנאַכלעסיגט.

ביי אונזער איצטיגען באַזוך באַמערקען מיר אַן ערפרייענדע ערשיינונג. דאָס איז דער פּרוב צו פאַר־ איינינען די געזעלשאַפטליכע קרעפטען אויך אויף דעם ווירטשאַפטליכען געביט. כדי מיט געמיינזאַמע כוחות צו לעזען אייניגע שווערע פּראָבלעמען פון יודישען לעבען. אלס ביישפּיל קען דאָ דינען דער „צעקאָבע“ מיט זיין אַרבייט אין שייכות מיט פּראָ־ גען ווי פּראָדוקטיוויזאַציע, וועלכע קענען דורך די קאַסעס אין דער אָדער אַנדערער פאָרם דורכגעפיהרט ווערען.

דער ווירטשאַפטליכער קאָמיטעט האָט פאַראיי־ ניגט די גרויסע סוחרים, די קליינהענדלער, האַנדווער קער און די אַרבייטענדע אינטעליגענץ און ר׳שטעלט זיך פאַר אַן אויפגאַבע צו פאַרשטאַרקען די יודישע עקאָנאָמישע פּאָזיציעס און צו זוכען נייע פּאָדריכטס מעגליכקייטען פאַר די, וועלכע האָבען אָדער קענען זייערע פּאָזיציעס פערליהרען.

„ווירטשאַפטליכע הילף“ צו וועלכע עס געהערען די אָנגעזעהענסטע יודישע פינאַנסיסטען, עקאָנאָמיסטען און אינדוסטריעלער, וועלכע האָבען געשאַפען אַ פינאַנץ צענטראַלע, וועמענס אויפגאַבע עס איז צו שטיצען די קאָאָפּעראַטיווע בעטעט.

די אַלע פאַראייניגונגען זענען זעהר ערפרייענד, אָבער איינצייטיג מוז באַטאָנט ווערען, אז עס זאָל גענוי פעסטגעשטעלט ווערען דער טעטיגקייטס־קרייז פון זייער אַרבייט. מיר זענען איבערצייגט, אז די אַלע גרופּען וועלען געפינען דעם וועג צו האַרמאָנישער מיטאַרבייט.

אונזער באַציהונג צו די צילען פון די דערמאָנטע גרופּען האָט שוין חר. קאָהאַן אַרויסגעזאָגט בעת די באַראַטונגען מיט די באַזונדערע אָרגאַניזאַציעס אויף די באַראַטונגען האָבען מיר זיך גענוי באַקאַנט מיט אַלע פּלענער, די דאָזיגע פּלענער זענען מעהרסטענ־ טייל רעאַל און דעריבער וועלען מיר מיט די דער־ מאָנטע אָרגאַניזאַציעס מיטאַרבייטען און וועלען זיך באַמיהען פאַרשטאַרקען די הילף פאַר זיי.

מיר בעדויערן זעהר, וואָס דאָס מאָל האָט זיך צוליב אַ רייהע אומגינסטיגע אומשטאַנדען אונז נישט איינגעגעבען צו טרעפען זיך מיט די פאָרשטייער פון דער יודישער פּרעסע, כדי זיך געגענזייטיג צו אינ־ פאָרמירען וועגען דער לאַגע און וועגען אונזערע אַר־ בייטסקפּלענער. אונזער איצטיגע רייזע בעטראַכטען מיר פאַר נישט פאַרענדיגט און מיר האָפען צו האָ־ בען די מעגליכקייט אין די נאָהענסטע מאָנאַטען ווי־ דער צו באַזוכען פּוילען און דאַן וועלען מיר זיכער האָבען מעגליכקייט זיך צוזאַמענצוטרעפען מיט די יודי... ...רשטייער.

פוילישע יודען אין 16 — 18 יאהר־הונדער[ט]

פון ראובן הארט

דאָ נישט לאַנג איז דערשינען אַ מאָנומענטאַל ווערק אין דער פוילישער שפּראַך פון פּראָפ. יאַן סט. ביסטראָן א.נ.: ,,די זיטען־געשיכטע אין אַלטען פּוילען'', וועלכע נעמט אַרום די צייטען פון 16־טען ביז'ן 18־טען יאָהרהונדערט. אין צוויי דיקע בענדער האָבען מיר אַ פּאַרבּיג בילד פון דעם אַלטעגליכען לעבען פון פּאַליאַק.

אין אַלע זיינע מעמדות, געשאַפען נישט ע"פּ כאַסיווע היסטאָרישע ווערק, נאָר אויפען גרונד פון דער פּובּליציסטישער ליטעראַטור פון יענע צייטען, זכרונות און אילוסטראַציעס. דאָס בּוך איז איינגעטיילט אין קאַפּיטלען, וועלכע טראַקטירען בעזונדערע אַפּשניטען פון דעם לעבען.

זעלבּסטפערשטענדליך, אַז בּעשרייבּענדיג דאָס לעבען אין פּוילען, האָט דער מחבר געמוזט זיך אָנשטויסען אויך אויף מינדערהייטען פון נישט פּוילישער אָפּשטאַמונג, מיט וועלכע דער פּאָלאַק איז געקומען אין שטענדיגער בּעריהרונג, צווישען זיי אויך מיט יודען, וועלכע האָבען טאַקע געפיהרט אַנאיינענאַרטיג לעבען, פערשלאָסען אין געטאָ, אָבּער דערבּיי געשפּילט אַ גאָר גרויסע ראָלע אין ווירטשאַפטליכען לעבען פון דעם לאַנד. פּראָפעסאָר בּיסטראָן ווידמעט כמעט אַ גאַנצען פּרק די יודען און אויך אין אַנדערע קאַפּיטלען געפינען מיר נאָטיצען וועגען אונז.

אין צווייטען פּרק, וועלכער טראָגט דעם נאָמען: ,,די מינאָריטעטען פון פרעמדער אָפּשטאַמונג'', ווערט בּעהאַנדעלט כמעט אויף 20 זייטען די געשיכטע פון די יודען אין פּוילען, זייער אָרגאַניזאַציע און עקאָנאָמישע ראָלע. בּכלל איז קאָנטיג אַ אָנשטרענגונג צו געבען אַ מעגליך גאַנץ און אָבּיעקטיוו בּילד פון דער געשיכטע פון יודען אין פּוילען. איבּער די אימיגראַנטען פון מערב שרייבּט ער, אַז אין פּוילען איז געווען די מיינונג דאָס די יודען זענען אַנ'אַרבּייטסזאַמער און קוואַליפיצירטער עלעמענט, וועלכער בּרענגט אַ פילע נוצען דעם לאַנד און אויך אַלע שיכטען פון דער בּעפעלקערונג, אַזוי אַז אַפילו דער פּויער בּעקומט בּיי דעם יודישען אַרענדאַטאָר נישט נאָר פּראָנסען, נאָר אויך קרעדיט און אָפטמאָל אַ גוטע עצה: אויך דאָס. וואָס דער יוד פלעגט זיך בּענוצען מיט נישט ערליכע מעטאָדען, איז דאָס געווען נאָר אַ לעבּענסנויטיגער, אַ ענטפער אויף דעם פּוילישען משל: ,,דעם פּריץ צו בּעגנב'ענען — אין נישט קיין עבירה, דעם גלח — קיין שאַד, דעם יודען — אַ מצוה''...

דער מחבר ווייס צו דערצעהלען פון גייסטיגען לעבען פון די יודען און מיט אַפּיסעל טאַווה רעדט ער פון די פּוילישע תּלמדיסטען, וועלכע האָבען געשמ'ט אויף דער גאַנצער וועלט, ווי אויך פון די ישיבות, וועלכע פלעגען צוציהען יונגעלייט אויך פון אַנדערע לענדער. ער דערמאָנט אויך די חקירות, וועלכע האָבען פערפלייצט מיט בּיכער דעם גאַנצען יודישען מאַרק. בּעשרייבּענדיג די גייסטיגע שטרעמונגען אין פּוילישען יודענטום, ווי דעם חבּיניזם, די משיח־בּעוועגונג, שבּתי־צבי און יעקב פראַנק, פערהאַלט ער זיך לענגער בּיי דער חסידות, פון וועלכער ער גיט אַ קורצע, אָבּער גינסטיגע כאַראַקטעריסטיק, ער דערציילט פון די מתנגדים, פערגעסט אָבּער דערבּיי אָן דעם הגר"א און בּעטאָנט נישט דעם אָרגאַנישען איבּערגאַנג פון דעם רבּיניזם צו דער השכּלה.

בּעשרייבּענדיג די אָרגאַניזאַציע פון די יודען אין פּוילען, ווייס פּראָפ. בּיסטראָן נאָר פון די קלענסטע אויטאָנאָמישע קעמערלעך פון די קהלות, פערגעסט אָבּער אויספאַלענד פון די העכערע אינסטאַנצען, פון די אַרצות און פון דעם העכסטען ,,יודישען סיים'', פון דעם ועד אַרבּע־אַרצות מיט דעם זיץ אין לובּלין. ער מאָלט אונז אויס דעם יודישען געטאָ אין די שטעט, די שולען, וועלכע מען פלעגט בּויען ווי פעסטונגען, און די סאָציאַלע פערהעלטנישען אויף דער יודישער גאַס לויפענדיג דערבּיי שטאַרק דעם פאַמיליען־לעבען, וועלכער ווערט רעגולירט דורך רעליגיעזע פאָרשריפטען.

דער מחבר דערציילט אויך איבּער דער מאַרטיראָלאָגיע פון די יודען אין פּוילען, וועגען דעם ,,ספר הדמעות''. ער דערציילט פון די בּעקאַנטע חטאים, וועלכע מען פלעגט די יודען פאָרוואַרפען און פאַר וועלכע זיי האָבען פילע צרות געהאַט אויסצושטיין. נישט איינמאָל איז געקומען צו איבּערפאַלען און צו פאָרמעלע פּאָגראָמען, אין וועלכע די סטודענטען האָבען געשפּילט נישט קיין קליינע ראָל. דעם דאָזיגען פּראָבּלעם בּאַריהרט ער אויך אין זעקסטען קאַפּיטעל (,,די שטאָט־איינוואוינער''). די שטאָט האָט מורא געהאַט פאַר דער יודישער קאָנקורענץ: די סוחרים — פאַר דעם יודישען דעטאַל־האַנדעל און די צעכען — פאַר דעם בּעל־מלאכה, דערבּיי האָט מען נישט געוואוסט מיט קיין שום מיטעל אין קאַמף געגען זיי. היות אָבּער ווי רעכטליך האָט מען זיי נישט געקאָנט פערטרייבּען, האָט מען געמאַכט אויף זיי פּאָגראָמען.

צווישען דעם יוד און קריסט האָט מען געגראָבּען אַ וואָס טיפערן אָפּגרונט. דאָס האָט אָבּער נישט געשטערט דעם פּוילישען קלער צו בּעמיהען זיך אָפּצושמד'ן וואָס מעהר יודען. מען פלעגט מיט די יודען פיהרען וויכּוחים. מ'האָט אויך געצוואונגען די יודען צו הערען די דרשות פון די גלחים אין קלויסטער און מיט געוואַלד צוגענומען יודישע קינדער אָדער בּכלל אַרויסגעגנבע'ט, כּדי זיי צו דערציהען אין דעם קריסטליכען דת. אין ליטע האָבען געטריבּען אַ מיסיאָנערישע טעטיגקייט די מאַריאַוויטקעס, וועלכע פלעגען פערפיהרען יודישע טעכטער צו שמד און זיי חתונה מאַכען מיט די פּריצים. מאַסענוויז — איבּער 1000 נפשות — האָבען זיך גע'שמד'ט יעקב פראַנק וסייעתו. דער מחבר פערצייכענט אויך עטליכע גרים, ווי פרוי עסטקופ מיט איהרע צוויי טעכטער פון מינסק און דעם ,,גר צדק'', וועמענס קבר ס'געפינט זיך אין ווילנע. פיל סימפּאַטיע האָבען אַרויסגעוויזען צום יודענטום דער פירשט מאַציעי ראַדזיוויל און דער מאַגנאַט מאַרטין לובּאָמירסקי.

אינם קאַפּיטעל, וועלכער דערציילט פון די שולען אין פּוילען, קומט דער מחבר ווידער צוריק צו די עקסצעסען פון די שילער אויף נישט־קאַטוילען און יודען, פון וועלכע נישט אַלע פּאַליאַקען זענען געווען צופרידען, אין סיים האָבען זיך אַלע מאָל געהערט שטימען, אַז דער אוניווערזיטעט איז געוואָרען אַ ,,מערת פּריצים'' (אַ בּעהעלטניש פאַר רויבער) דער קעניג זיגמונט אויגוסט האָט געזאָגט, אַז מיר וואָלטען געוואָלט האָבען ניכער לידיגע שולען, איידער איבּערפולט מיט אַזוינע מערדערישע לייט''.

אין אַ אינאַוגוראַציאָנס־רעדע פון אַ רעקטאָר [...]
מיר אַזעלכע ווערטער: ,,איהר זייט שכורים, [...]
וואָלט־טעטער און מערדער — אָבּער נישט קיי[...]
לער!''

אין דעם קאַפּיטעל ,,די פערהעלטנישען [...]
אויסלאַנד'' אינטערעסירט אונז ארץ ישראל, [...]
פלעגט צוציהען מאַסען עולי רגל, סיי נייע[...]
סיי וועלטליכע, סיי קריסטען, סיי יודען, מיט [...]
ווערטער פערט דער מחבר אָפּ די יודישע עולי[...]
דעם ישוב אין טבריה. קאַמוילישע און פּראַוואַ[...]
גע גלחים און מאַנאַכען פלעגען עולה זיין קיי[...]
און זיך האַרט אין די קלויסטערס אַ לענגערע [...]
אויפהאַלטען. עס פלעגען אויך מאַכען רייזעס [...]
פּאַלעסטינאַ פּריצים, ווי לאַסקי טענטשינסקי, [...]
ראַדזיוויל און אַנדערע. עס פלעגען עולה־רגל זיין [...]
מענשען און אַפילו פּויערים, וועלכע זענען [...]
לאַנג געגאַנגען, בּעטלענדיג אויף דעם וועג [...]
די רייזעס זענען געגאַנגען איבּער איטאַליען [...]
איבּער קאָנסטאַנטינאָפּאָל בּיז צום חיפה'ער [...]

מ'דאַרף נאָך צוגעבען די רייכע צאָהל א[...]
טראַציעס, וועלכע זענען צוגעפּאַסט צום [...]
דער יודישער טייל פון דעם ווערק איז כמעט [...]
גאַנצען אילוסטרירט דורך יאַן נאַרפלין, אַ פּראַ[...]
זיש־פּוילישער מאָלער פון דעם 18־טען יאָה[...]
דערט וועלכער פלעגט מיט ליבע מאָלען רעאַליס[...]
יודישע טיפּען: ,,אַ יוד'', ,,יודישע חתן־ייוג[...]
,,אַ יודיש געשעפטעל אויף עלעקטאַראַלנע [...]
וואַרשאַ'', ,,אַ יודין'' און ,,אַ יריד''. עס טרעפ[...]
אויך פאָטאָגראַפיעס פון צוויי זעהר אָריגינעל[...]
לען, געבּויט פון האָלץ, איינע אין אַלקעניק [...]
צווייטע אין סוכאָוואָלאַ (בּיאַליסטאָקער קריי[...])

מיר וואָלטען נאָך געקאָנט האָבען פּרעט[...]
צום פּראָפ. בּיסטראָן, וואָס ער דערמאָנט די [...]
דאָקטוירים אין אַלטען פּוילען נאָר מיט אַ פּ[...]
ציילטע ווערטער, וואָס אין די קאַפּיטלען [...]
רעדען איבּער נייסטיגער קולטור דערמאָנט ער [...]
די קענטנייש פון דער העבּרעאישער שפּראַך בּיי [...]
יודען. מיר מוזען אָבּער געדענקען, אַז דער [...]
וויכט פון דעם ווערק ליגט אויף דער בּעשרייבּ[...]
די פּוילישע זיטען — און די יודען בּעריהרט [...]
אַגב־אורחא.

רייכע און ארימע

פון א רייזע איבער ראטען־רוסלא[...]

פון ב. וולאר[...]

אויף אַלע רוסישע צוגען זענען אויך דאָ צוויי קלאַסען — ,,האַרטע" און ,,ווייכע", אָבּער דאָרטען איז עס אַ סך מעהר קאָמפּליצירט. אין ,,האַרטען" קלאַס זענען דאָ אַזעלכע וואָס פאָהרען מיט פּלאַצקאַרטען און אַזעלכע וואָס פאָהרען אָהן. דאָס זענען אויך צוויי קלאַסען. דער פּאַסאַזשיר, וואָס האָט אַ פּלאַצקאַרטע, קען זיך צולעגען ווי בּיים טאַטען אין וויינגאָרטען, אָבּער דער וואָס האָט נישט קיין פּלאַצקאַרטע איז אַמאָל גליקליך ווען ער געפינט פּלאַץ זיך צוזעצען. דאָס זעלבּע איז אויך אין ,,ווייכען" קלאַס. אויך איז נישט ריכטיג, אַז אין ,,ווייכען" קלאַס פאָהרען נאָר אויסלענדער. אַפילו אין בּרען פון טוריסט־סעזאָן זענען מייסטע פּאַסאַזשירען אין די ,,ווייכע" וואַגאָנען געווען סאָוויעטישע בּירגער.

און וואָס עס איז ריכטיג וועגען די קלאַסען אויף די בּאַהנען איז ריכטיג אויך אויף אַנדערע געבּיטען. די פּרייזען פאַר טעאַטער־פּלעצער אין די קינאָס זענען פערשידען. צוויי גוטע פּלעצער פאַר אַ פאָרשטעלונג פון דעם בּערימטען מעיערכאָלד'ס טרופּע אין קיעוו האָבען געקאָסט 30 רובּעל, זעקס דאָלאַר)).

דערזעלבּער אונטערשיד איז אויך אין וואוינונגען. איך בּין געווען אין דירות וואו איין פאַמאַלק פערנעמט דריי און פיער צימערען און אויך וואו פינף־זעקס פערזאָן שטיקען זיך אין איין צימער.

נאָך גרעסער איז דער אונטערשיד ווען עס קומט צו זומער־וואוינונגען. די ,,דאַטשעס" יעדער אַרבּייטער איז בּערעכטיגט צו עטליכע וואָכען בּעצאָהלטע ,,וואַקאַציע", אָבּער עס זענען נישטאָ גענוג רוהפּלעצער אין סאַנאַטאָריומס פאַר אַלע אַרבּייטער, און מייסטענס פערבּרענגט דער אַרבּייטער זיין וואַקאַציע אָדער אין דער היים אָדער אין עקסקורסיעס.

אָבּער טויזענטער און טויזענטער פאַמיליעס וואוינען אַ גאַנצען זומער אויף ,,דאַטשעס". דאָס זענען אָדער ,,דאַטשעס", וואָס בּאַלאַנגען צו די פערשידענע אינדוסטריעס און זיי ווערען געגעבען צו די העכסטע און וויכטיגסטע בּעאַמטע, אָדער געגענדע, וואָס זענען זעהר אָפט געפּרייזט צוועלף און פערצעהן הונדערט רובּעל פאַר'ן זומער. נישט ווייט פון מאָסקווע בּין איך לעצטען זומער פאַרבּיי געפאָהרען די דאַטשע פון ניקאָלאַי בּוכאַרין, אַ שעהן הילצערנע הויז אַרומגערינגעלט מיט אַ הויכען צוים און איינגעטונקט אין בּוימער.

אין אַ שטאָט ווי מאָסקווע אָדער קיעוו וואַרפט זיך אייך אין די אויגען דער גרויסער אונטערשיד אין קליידונג. אין אָדעס, אין זאַפּאַראָזשיע, אין כאַרקאָוו זענען די פרויען געקליידעט פּשוט. אָבּער אין מאָסקווע, אין קיעוו און אויך טיילווייז אין לענינגראַד קען מען זעהן אַ סך פרויען געקליידעט לויט דער לעצטער מאָדע.

נאָך גרעסער איז דער אונטערשיד אין שפּייז.

אין סאָוויעט־רוסלאַנד זענען נישטאָ קיין קלאַסען אין דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַלען זין. ווייל עס איז נישטאָ קיין פּריוואַטע עקספּלואַטאַציע און קיין פּראָפיט אין קאַפּיטאַליסטישען זין. אָבּער דער לעבּענס־שטייגער בּיי פערשידענע שיכטען איז אַזוי ווי אַזעלכע קלאַסען וואָלטען געווען אין דער ווירקליכקייט, כאָטש זיי דאַרפען נישט עקזיסטירען אין דער טעאָריע.

אַ היבּשער פּראָצענט פון דער שטאָטישער בּעפעלקערונג לעבּט איצטער ווי די אַדעל־לייט און הויכע טשינאָווניקעס האָבען געלעבּט אונטער די צאַרען און דער גרעסטער טייל אין די שטעט לעבּט ווי אָרימעלייט האָבען שטענדיג געלעבּט.

דער אונטערשיד פון פערדינסטען בּיי אַרבּייטער איז גרויס ווי פון 50 בּיז זיבּען הונדערט רובּעל אַ מאָנאַט.

און דאָך וואָלט געווען נישט ריכטיג צו אורטיילען די סאָוויעטען אויסשליסליך לויט די איינדרוקען און פאַקטען מיט וועלכע דער רייזענדער טרעפט זיך אויף שריט און טריט אין די סאָוויעטישע שטעט.

ערשטענס, דאַרף מען האָבען אין זינען, אַז דער גרעסטער טייל פון דער סאָוויעטישער בּעפעלקערונג בּעשטעהט נאָך אַלץ פון דאָרף־מענשען. אין דעם דאָרף לעבּט זיך היינט־צו־טאָג בּעדייטענד בּעסער ווי אַמאָל. דורך מיינע העכער פינף וואָכען אין לאַנד האָבּ איך געטראָפען נאָר פיער פאַר ,,לאַפּטיעס", די געפלאָכטענע שיך פון בּעריאָזעבע קאָרע, וועלכע מייסטע רוסישע פּויערים זענען געווען געצוואונגען צו טראָגען אַמאָל. אין איינציגע געגענדען זענען די פּויערים בּעסער בּעשוכט ווי די שטאָטישע מענשען. זיי האָבען אויך מעהר און בּעסערע שפּייז און אַ סך, אַ סך זאַכען פון וועלכע זיי האָבען אַמאָל גאָר נישט געקענט אַפילו טרוימען — בּיבּליאָטעקען, כּל'ערליי פערוויילונג, מעדיצינישע בּעדינונג, פון צייט־צו־צייט קינאָס און טעאַטער.

נאָך מעהר: צום ערשטען מאָל אין זיין געשיכטע האָט דער פּויער געלד. איידער די סיסטעם פון קאָלכאָזען איז איינגעשטעלט געוואָרען איז דער פּויער געווען שטענדיג אָנגעטונקט אין חובות און אין זאָרגען. אַפילו ווען ער האָט אַמאָל אַריינגענומען געלד האָט ער עס געדאַרפט פאַר ציגען, פאַר אַ נייע בּהמה, אַ יונגען פערד, פאַר דעקען אַ דאַך, פאַר צובּויען אַ שטאַל.

וועגען די אַלע זאַכען זאָרגט איצט דער קאָלכאָז. ווען דער פּויער קריגט אַריין געלד (און היינט צו טאָג איז עס היבּשע געלד) פאַר אַ חזיר, פאַר אַ יונגע מילכיגס, פאַר אַ זעקעל קאַרטאָפעל, פאַר אַ הינדעל, פאַר אַ מעסטעל עפּעל, קען ער עס אויסגעבען פאַר זיך. און נישט קוקענדיג אויף דעם שרעקליכען יקרות און שרעקליכען מאַנגעל אין אַרטיקלען פאַר'ן אַלגעמיינעם געבּרויך, וועט איהר אָפט געפינען מעהר און בּעסערע מעבּעל, מעהר און בּעסערע קליידער, מעהר און בּעסערע לוקסוס־אַרטיקלען, ווי ראַדיאָס, אין די קליינע כאַטקעס אויפ'ן דאָרף ווי אין די שטעט. עס מעג אונז אַלעמען צוקומען וואָס דעם סאָוויעטישען פּויער פעהלט נאָך, אָבּער ער געהט אָהן צוויפעל צו בּעסערס, בּאַרג אַרויף.

דאָס עבּסטע וואָס מען קען זאָגען וועגען די אַרבּייטער איז אַז פאַר די לעצטע פאַר יאָהר זענען זיי נישט געגאַנגען צוריק. צי זייער מאַטעריעלע לאַגע קען זיך אויך פערבּעסערען וועט זיך אַ סך אָפּהענגען פון דעם אויב סאָוויעט־רוסלאַנד וועט זיך איינגעבען צו פערמיידען מלחמה. די הויפּט צרה איז שטאַט זענען הויכע פּרייזען און זיי וועלען מוזען אַנהאַלטען כּל זמן די רעגירונג וועט זיך פיהלען געצוואונגען אַלץ מעהר צו פערגרעסער'ן איהרע אויסגאַבען פאַר מיליטערישע צוועקען.

אָבּער אויך דער אונטערשיד אין דעם ק[...]
שטייגער אין שטאָט צווישען די בּעסערע [...]
געגרע פערדינער איז אַבּיסעל אַ גרעסערער ווי [...]
אויס פון איבּער־אויף. די הויכע ,,טשינאָ[...]
און גרויסע פערדינער זענען אַמווייניגסטן
נישט אַזאַ בּעפעסטיגטער און בּעשטימטער
ווי די אַריסטאָקראַטיע פון אַמאָל.

אַמאָל, אויב איינער האָט געמאַכט אַ [...]
אַלס אַ וויכטיגער בּעאַמטער, האָט דער [...]
קלאַס איהם בּעשיצט און בּעזאָרגט איה[...]
אַנ'אַנדערער שטעלע. אין סאָוויעט־רוסלאַנד [...]
נער פאַלט דורך צי אויף דעם פּאָליטישען [...]
דעם עקאָנאָמישען געבּיט איז אָך [...]
צו איהם און צו זיינע בּיינער. ער וועט [...]
תּחית המתים נישט אויפשטעהן. ער וועט [...]
לירען נישט נאָר זיין גוטע דירה, זיין [...]
זיינע גוטע מאַלצייטען, נאָר אויך זיינע [...]

ווען איהר לעזט דורך אַ צייטונג א[...]
געפינט אַ בּריוועלע וואו ס'ווערט געבּראַכט [...]
געגען אַ קאָמיסאַריאַט, אָדער אַנ'איינגעטרעט[...]
אַ פאַבּריק, קענט איהר זיין זיכער, אַז [...]
בּאַלד פליהען קאָרפּען־קעפּ, אַז אַ סך [...]
און טויזענד דאָלאַרדיגע ,,נאַטשאַלניקעס'' [...]
גאַדירען'' און דירעקטאָרען וועלען פליהען [...]
ערע בּענקלעך.

אַז די שרעק פאַר דעם מאָרגען, אַז [...]
זיכערקייט, אַז די מעגליכקייט צו פאַלן [...]
[...] אַז די איבּערשטע שיכטען זאָלען זיך קאָנס[...]
און בּעפעסטיגען אַלס אַ פערמאַנענטער [...]
קלאַס. (פאָרווערטס)

טעראר און טעראר־אפקלאנגען איז א[...]

ירושלים. (יט"א). נישט ווייט פון רזשע־כין האָבען בּעוואָפענטע אַראַבער פאַרהאַלטען פיער פּאַסאַזשיר־אויטאָס און בּערויבּט די פּאַסאַזשירען.

אין ירושלים האָבען דריי אַראַבער אַריינגעוואָרפען אַנ'אַראַבער, וואָס האָט געוואָלט אַריינגיין אין אַ יודיש קינאָ, אין אַ גרויסען וואַסער־בּאַסיין, פון וועלכען מען האָט איהם קוים אַ לעבּעדיגען אַרויסגעצויגען.

בּעת אַ גרופּע פון לערך 15 יודען איז געשטאַנען אויף דער יודישער גאַס אין דער אַלטשטאָט, האָט אַן אַראַבער געוואָרפען אַ בּאָמבּע, וועלכע האָט צום גליק נישט אויפגעריסען. דער אַראַבער האָט בּאַוויזען צו אַנטלויפען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער טעראָר־כוואַליע, וועלכע האָט לעצטענס אַרומגענומען חיפה, שרייבּט ,,אַל ליוואַ'' אַז דאָס בּלוט־פאַרגיסען אין חיפה נעמט זיך דערפון, וואָס די אַראַבער, וועלכע האָבען פאַרקויפט זייערע בּאָדענס אָדער האָבען נישט בּאַקומען קיין אַרבּייט אין פּאָרט, געפינען זיך אין אַ שרעקליכער לאַגע. ,,צי איז זיך דאָ וואָס צו וואונדערען — שרייבּט די צייטונג — ווען די דאָזיגע אַראַבער האָבען זיך גענומען צו טעראָריסטישע מיטלען? דער, וואָס לאָזט זיך אין וועג אַריין, קומט אָן דאָרט, וואו ער דאַרף. די רעגירונג איז געגאַנגען מיטן וועג וואָס פיהרט צו אומרוהען, און זי האָט דערגרייכט איהר ציל...''

דער פאַרבּאַנד פון די א"י אַראַבער אין חיפה וועלכע נעהמט אַרום די אייזענבּאַהנער און די אַרבּייטער פון פּאָסט, טעלעגראַף און טעלעפאָן, האָט פערעפענטליכט אַנ'אויפרוף צו דער אַראַבּישער בּאַפעלקערונג, אין וועלכען עס ווערט אָנגעוויזען אויף די גרויסע שאָדענס וואָס דער טעראָר, וועלכער האָט זיך לעצטענס שטאַרק פאַרשפּרייט, איז גורם די אַראַבער און פאָדערט אויף די אַראַבּישע אַרבּייטער אַדמיניסטרירען קעגען די טעראָריסטישע אַקטען.

,,אַל־ליוואַ'' טיילט מיט, אַז אויפן בּאַפעהל פון הויך־קאָמיסאַר זענען אָפּגעזאָגט געוואָרען צוויי אַראַבּישע לעהרער פון דעם דאָרף בּאַלאַא, דערפאַר וואָס זיי האָבען זיך בּאַטייליגט אין די אומרוהען און זענען דערפאַר געהאַט געווען אינטערנירט אין קאָנצענטראַציע לאַגער, ווי די צייטונג מעלדעט, האָט די רעגירונג בּדעה אָפּצוזאָגען פון זייערע פּאָסטענס אַלע אַראַבּישע לעהרער, וועלכע זענען אין דער [...]
די אומרוהען געזעסען אין קאָנצענטראַציע[...]
דער הויך קאָמיסאַר האָט פאַראָרדנט צו [...]
[...]ען פון תפיסה אַן אַראַבּישע דאָרפס־פרוי[...]
איז פאַראורטיילט געוואָרען צו 5 יאָהר תפיס[ה ...]
בּאַטייליגען זיך מיט אַ בּיקס אין האַנד אין [...]
[...]פען צווישען די טעראָריסטען מיטן בּריטיש[...]
[...]טער. די דאָזיגע אַראַבּערין איז געגאַנגען [...]
מען וועט איהר מאַן און אַ זוהן זענען [...]
געוואָרען בּעת אַ צוזאַמענשטויס פון [...]
[טער]אָריסטען מיטן ענגלישען מיליטער.

מען שיקט נאך מעמאריאלען [...] קעניגליכער קאמיסיע.

ירושלים (יט"א). ,,האַרץ'' מעלד[עט ...]
בּוראַצדעם, וואָס די קעניגליכע קאָמיסיע [...]
שוין זייט עטליכע וואָכען צוריק אין לאָנד[אָן ...]
רען איהר כסדר נאָך צוגעשיקט פון א"י [...]
מעמאָריאַלען און אַלערליי מעמאָריאַלען [...]
ליך מצד אַראַבער. אויך די א"י־רעגירונג [...]
צו מעמאָריאַלען דער קעניגליכער קאָמיס[יע ...]

רבי נחמן בראצלאווער

צו זיין 125-טען יאהרצייט

— 18 —

א מעשה — דער בן-מלך און דער בן-העבד.

...קן און טיפזיניג איז אויך די מעשה פון רבי ... בראצלאווער וועגען דעם בן מלך און ... העבד. די מעשה דערצעהלט זיך אויך איינפאך, ... אביסעל מעהר פערפלאנטערט, ווי די ...דיגע, וואס איך האב שוין איבערגעגעבען. און ... זי האט אויך א גרויסען מוסר השכל.

די דאזיגע מעשה האט רבי נחמן דערצעהלט ... זיינע תלמידים האבען געפרעגט וועגען נאפאלע... און זיי האבען זיך געחדושט, ווי עס קומט, ... איינער, וועלכער שטאמט פון געוועהנליכען ... זאל ווערען א קיסר. האט רבי נחמן זיי גע... אז זיי זאלען זיך נישט חדוש'ן. עס ווערען ... נשמות אין די הימלען און עס קענען ... ווערען קינדער אויף דער ערד, און ער ... זיי אלס משל דערצעהלט די מעשה פון דעם ...לך וואס איז פערביטען געווארען מיט א בן ...

דער תמצית פון דער מעשה אהן איהר פאנ... באפוצונג איז אזוי:

עס איז געלעגען געווארען א מלכה און האט ... א בן מלך, די דאזיגע מלכה האט געהאט ...נסט, פון וועלכער זי פלעגט זיך קיין מאל ... שיידען, און די דינסט איז געלעגען געווא... אין דער זעלבער צייט ווי די מלכה, און האט ... א בן העבד. איין העבאמע האט ביידע ... גענומען, און זי האט געמאכט א טעות און ... פערביטען: דאס קינד פון דער ... האט זי געגעבען צו דער מלכה און דאס ... פון דער מלכה האט זי געגעבען צו דער דינסט.

...ליב דעם איז דער בן העבד אויפגעצויגען ... הויף, ווי א בן מלך, און דער בן מלך ... אויפגעצויגען געווארען נידעריג ווי א בן ... די טבע פון מענשען ווערט אבער נישט ... געענדערט דורך ערציהונג, האט עס דעם ... בן מלך, טראץ זיין נידעריגע ערציהונג, ... צו דער מדרגה פון מלכות; און דעם ..., וועלכער איז געווען ביי דער מלכה האט ... צו גראבע זאכען, טראץ דעם וואס ער ... נישט ערצויגען געווארען.

... זאך איז בעוואוסט געווארען צו מענשען, ...האט אנגעהויבען רעדען וועגען דעם פערבייט ... קינדער. און כאטש מען האט דאס גערעדט ... סודות האט עס דערפאהרען דער פאלשער ...לך. האט עס איהם פערדראסען און ער האט א... פערפאלגען דעם אייגענעם פאטער זיינעם ... דינער, ביי וועלכען דער אמת'ער בן מלך ... ערצויגען געווארען. ווען דער קעניג איז געשטאר... ... דער פאלשער בן מלך האט איבערגענומען ... האט ער דעם אמת'ען בן מלך, וועלכער ... גערעכענט פאר א בן העבד, נאך מעהר ..., און האט איהם איינפאך געצוואונגען ... לאנד צו אנטלויפען.

...ט גרויס עגמת נפש, וואס ער איז פערטריבען געווארען פון זיין לאנד, אין וועלכען ער האט בע-דארפט זיין דער הערשער, האט דער אמת'ער בן מלך זיך גענומען צום טרינקען, און צום זינדיגען כדי צו דערשטיקען אין זיך די ליידען אבער וואס מעהר ער האט געטרונקען און וואס מעהר ער האט געזינדיגט האט ער אלץ מעהר געליטען ווייל ס'האט איהם פערדראסען אויף זיין לאגע און עס האט איהם געטאטשעט די חרטה אויף דעם וואס ער איז אזוי נידעריג געפאלען. האט ער דורך דעם אנגעהויבען ליידען פון שרעקליכע חלומות, וועלכע האבען איהם שטארק געפייניגט.

דורך אזא חלום איז ער אוועק אויף א ירידה, און האט זיך אנגעשטעלט אלס משרת ביי א סוחר פון בהמות, און האט אנגעהויבען טרייבען די פיה. איין מאל זענען די בהמות פערבלאנדזשעט געווארען אין א וואלד, ווייל ער זיי פון דארט ארויספיהרען אבער זיי אנטלויפען. ער יאגט זיי נאך, אבער וואס מעהר ער יאגט זיך נאך זיי, אלץ מעהר אנטלויפען זיי. דא איז צוגעפאלען די נאכט, דער וואלד איז איבערגעפילט געווארען פון דאס ברומען פון חיות רעות. אויס מורא האט דער אונגליקליכער בן-מלך ארויפגעקלעטערט אויף א בוים, כדי זיך צו בעשיצען דארט אויף דעם בוים האט ער געפונען א מענשען, וועלכער איז אין אמת'ען קיין מענש נישט, און וועלכער זאגט איהם, אז ער זאל זיך אויפהערען יאגען נאך זיינע בהמות, ווייל זיי זענען נישט קיין בהמות נאר זיינע זינד.

אויף דעם צווייטען טאג געהן זיי ביידע און זיי בעגעגענען א מענשען, וועלכער יאגט זיך נאך א פערד. אט דער פערד-מענש דערזעהט ביי דעם אמת'ן בן מלך א זאק מיט ברויט, פערקויפט ער זיך צו איהם פאר א קנעכט אבי ער זאל איהם געבען ברויט. אבער נאכהער פערדריסט איהם וואס ער האט געטון. ער זיפצט און זאגט: „צוליב א חיי שעה האב איך זיך פערקויפט אויף אייביג פאר א קנעכט, כאטש פריהער האב איך געהאט אזא גדולה", פרעגט איהם זיין הער, דער אמת'ער בן מלך: „וואס פאר א גדולה האסטו פריהער געהאט?" דערצעהלט ער, אז ער האט געקעניגט אויף א לאנד ...ס איז נישט געווען זיינס, נאר צום סוף האט מען איהם פון דארט פערטריבען. פערשטעהט שוין דער אמת'ער בן מלך, אז דאס איז דער וועלכער האט בוגעגנו מען זיין טראן, אבער ער האט שוין געהאט זיין פסק.

דער סוף איז, אז דער וואלד מענש, וועלכען דער אמת'ער בן מלך האט געפינען אויפ'ן בוים, הייסט איהם געהן אין ישוב אריין, און ער גיט איהם א כלי וועלכע זינגט אויס דעם מעכטיגען און פרעכטיגען ניגון פון וואלד. אט די דאזיגע כלי פערבייט דער אמת'ער בן מלך שפעטער אויף א צווייטער כלי, דורך וועלכער מען קען אלץ פערשטעהן. אט מיט דער כלי איז דער אמת'ער בן מלך אוועק צו זיין געבורטס לאנד. אמאל האט עס געהייסען „דאס נא-רישע לאנד און דער קלוגער מלך", אבער איצט הייסט עס: „דאס קלוגע לאנד און דער נארישער מלך". דארט ערפאהרט ער, אז דער אלטער קעניג זיין ריכטיגער פאטער, ווען ער איז געשטארבען, האט אנגעזאגט, אז נאר אזעלכען, וועלכער וועט קענען צוריק איבערבייטען דעם נאמען פון לאנד, זאל מען ארייננלאזען אין לאנד אריין.

דער אמת'ער בן מלך, א דאנק דער כלי וואס ער האט, וואס מאכט איהם אלץ פערשטעהן, בעמיט זיך אינטער צו בעווייזען צוריק צו ענדערען דעם נאמען פון לאנד. ווייזט מען איהם א וואונדער שטוהל. וואס דער אלטער מלך האט צונומען אין שטיקלעך און ער האט אנגעזאגט, אז דער, וואס וועט קענען צוריקשטעלען די שטוהל מיט אלע איהרע וואונדער-פארבען און געשטאלטען זאל אנערקענט ווערען אלס אמת'ער חכם און זאל ווערען דער ערשטער פון דער מלוכה. א דאנק זיין כלי ווע-גי פערשטעהן ביש בעווייזט דער פערביטערטער בן מלך דעם וואונדער, און ער קומט צו זיין ריכטיגען מצב, צו דעם טראן.

ווי שוין געזאגט האלט מען אז די מעשה איז א משל וועגע נאפאלעאנ'ען. זי קען נאך האבען אנדערע מיינונגען.

נאך טיפער אין זין פון אמונה איז זיין מעשה פון דעם „מייסטער פון תפילה".

אבער די העכסטע מדרגה פון זיין געניאליטעט האט רבי נחמן בראצלאווער דערגרייכט אין זיין „מעשה וועגען די זיבען בעטלער".

הסטאריקוס

יודישע „גאלדענע געשעפטען"

אביסעל כאראקטעריסטישע סטאטיסטיק

וו א ר ש ע, (יט"א). די עקאנאמיש-סטאטיס-טישע סעקציע פון יודישען וויסענשאפטליכען אינ-סטיטוט (ייוו"א) האט באארבייט די נאר-וואס ער-שינענע מאטעריאלען וועגען די באשעפטיגונגען אין ווילנער וואיעוואדשאפט (אהן דער שטאט ווילנע). דאס זענען די ערשטע דאטען פון דער ציילונג פון 1931 וועגען דער פראפעסיאנעלער און סאציאלער גליעדערונג פון דער יודישער און נישט-יודישער באפעלקערונג. ליידער איז שווער צו פארגלייכען די דאטען פון 1931 מיט די דאטען פון 1921, ווייל דאמאלט איז נישט געווען קיין ציילונג אין דער גאנ-צער ווילנער וואיעוואדשאפט. פון די באארבייטע דאטען איז צו זעהן צוו. אנד.:

אין לאנדווירטשאפט זענען פערנומען לויט די דאטען פון 1931: נישט-יודען העכער 92 פראצ., יו-דען — 21 פראצ., אין דער לאנדווירטשאפט בכלל מאכן אבער יודען אויס א נישטיגען פראצענט (0,7).

וואס שייך האנדעל און האנדווערק, זענען אויף 111 גרויסע אונטערנעהמונגען מיט פאטענטען פון דער ערשטער ביז דער דריטער קאטעגאריע געווען אין 1931 — סך-הכל 8 יודישע ד.ה. בלויז 7,2 פראצ., פון 2103 אינדוסטריע-אונטערנעהמונגען פון מיטעלער גרויס, מיט פאטענטען פון פירטער ביז זיבעטער קאטעגאריע, זענען געווען יודישע 306. ד.ה. ווייניגער ווי 15 פראצ. און בלויז אין די גאר קליי-נע האנדווערקער-ווארשטאטען פון פאטענטען פון אכטער קאטעגאריע האבען יודען אויסגעמאכט א גרעסערן פראצענט.

יודען מאכען אויס העכער 73 פראצ. צווישען די גאסען-הענדלער. פון 849 בעלי-עגלות זענען געווען 709 יודען, ד.ה. מעהר פון 82 פראצ.

נאכדעם ווי יודען האבען „פארכאפט" די גאר וואס דערמאהנטע „גאלדענע געשעפטען", איז שוין נאטירליך, וואס אין אנדערע פרנסות מאכען זיי אויס א נישטיגען פראצענט. אזוי איז פון 657 בעשעפטיג-טע אין דער מלוכה-אדמיניסטראציע און אין געריכט געווען איין-איינציגער יוד. פון 1095 קאמונאלע בא-אמטע און ארבייטער זענען געווען קוים 13 יודען, פון 2574 לעהרער אין די פאלקסשולען זענען געווען 190 יודען. מען פארשטעהט צוגעבען, אז די מעהרהייט פון די דאזיגע יודישע לעהרער זענען פארנומען אין יודישע שולען און האבען נישט די רעכט, נישט די פריווילעגיעס פון מלוכה-באמטע אויף 200 בעשעפטיגטע. אין די שטאטישע עלעקטרא-ווניעס און גאזאווניעס זענען געווען קוים 10 יו-דען, פון 2620 באשעפטיגטע אויף דער באהן זענען געווען קוים 3 יודען, פון 538 באשעפטיגטע אין פאסט און טעלעגראף איז נישט געווען קיין איין יוד.

נאמינאציעס פון יודישע געלעהרטע אין האלאנד

א מ ס ט ע ר ד א ם, (יט"א). דער יודישער גע-לעהרטער הר. ס. לעעמאנס איז נאמינירט געווארען אלס לעקטאר פון ענטאמאלאגיע (אינזעקטען-לעהרע) אויף דער קאמונאל אוניווערזיטעט אין אמסטערדאם.

דער יודישער געלעהרטער פראפ. הר. וו. דע האאז איז איינגעלאדען געווארען דורך דער אוני-ווערזיטעט אין קעמברידזש צו האלטען א ציקל פאר-טראגען וועגען פיזיק. הר. דע האאז איז פראפעסאר פון דער שטאטס-אוניווערזיטעט אין ליידען.

...חק יאבאסאוויטש

יודען, וואס לעבען פון טויט...

(רעפארטאזש)

... ביי אנדערע אומות זענען פאראן מענשען ...נעמען זיך מיט דעם אפטראנספארטירען ...שטארבענע אויף דעם עולם האמת, אבער ... איז דאס דאזיגע — צוליב די אומנארמאלע ...ונגען — אויסגעוואקסען אין א פאך, אין ... הכנסה-צווייג פון וואנען עס ציהען חיונה ...טער מענשען.

...נשען, וואס מאכען א לעבען פון... טויט.

...סטא זיך פונ'עסטוועגען, וואס צו שרעקען. ...איגע לייט זענען נישט קיין מחבלים, קיין ... פרעסער, דער רוב פון זיי זענען שטילע, ...ע יודען, וואס וואלטען אודאי בעסער ... זיך פערנעמען מיט עפיס אנדערש, נאר ... עפעס אנדערש איז נישטא פערנעמט מען זיך ...רנסה מיט אט א דעם.

... דאזיגע יודען, וואס זייער אומדירעקטער ...געבער איז דער מלאך המות קאנען געטיילט ... אין פערשידענע קאטעגאריעס, פאראן סטא-...שעפטיגטע און צופעליגע. די סטאביל-בע-...גטע דאס זענען די יעניגע, וואס ריכטען ...ס געשטארבענעם אויף דער רייזע, אנדערע ... ווי קאנדוקטארען פון אינטערנאציאנאלען צוג ...סען היגמער דעם געשטארבענעם פאסאזשיר ... און שליסען אזוי ארום אפ זיין שייכות מיט ... ארימער פאלשער וועלט. די דאזיגע לייט ... געהארטעוועט פון קומען אין בעריהרונג ...עגלין מיט די שרעק פון מענשליכען מין — ...טים! זיי הערען זיך צו מיט א מי'ער גלייכ-...קייט צו די געוואלדען און געוויינען פון ... געשטארבענעמס משפחה און אין די ווינקלען ... גייט ביי זיי זיי פערלוירען אנ'איראנישער ...', וואס ווערט אראפגעשווענקט נאר פון ... שטארקע משקה. די פסיכיק פון די ... מענשען, וואס ווערען נישט געריהרט פון ... גרעסטען און טיפסטען אומגליק — וועט ... גלייבען אפשטויסענדיג, אבער דאך נישט ...שטענדליך, ווייל אין א ניכטערע מינוט ... מיר, אז ס'איז אוממעגליך נישט צו ... גלייכגילטיג צו דעם גרויסען אומגליק: ...עמאלט, ווען מ'האט טאג-טעגליך צו טון ...', אזוי איז דאס בזוצען פון לעבען, אפילו דארט, ווי דאס לעבען ענדיגט זיך. פונקט ווי מ'רייסט עמיצען ארויס א צאן און צוזאמען מיט דעם צאן אויך דעם נערוו, אזוי איז אויך ביי די דאזיגע מענשען ארויסגעריסען געווארען דער נערוו, וועלכער שוי'ערט אונז אויף פנים אל פנים מיט דעם גרויסען אומגליק פון פארענדיגונג פון א מענשליך לעבען.

מענשען ביי וועלכע דער דאזיגער נערוו איז אפגעטעמפט זענען אויך טעמפ און אומפילבאר פאר דעם געפיל פון שרעק, דאס דאזיגע געפיל, וואס איז אזוי מעכטיג אין מענשליכען לעבען, איז זיי איינגאנצען פרעמד. פרעגען א קברות-יוד צי ער האט נישט קיין מורא? וואלט בעדייט אויס-שטעלען זיך אויף לייטיש געלעכטער. ער וואלט אייך זיכער אנגעקוקט, ווי אייגעם, וואס איז ערשט אנטלאפען פון משוגעים-הויז. פונ'עסטוועגען האט יעדער איינציגער פון די יודען צו דערציילען עפעס א שרעק-געשיכטע אדער בעסער געזאגט א גע-שיכטע וואס האט איהם געשראקען. פערשטייט זיך, אז דאס איז געשעהען דעמאלט ווען ער איז נאך געווען יונג און האט ערשט אנגעהויבען זיך מיט די ארבייט צו פערנעמען.

ווערען מיט די דאזיגע יודען היימיש איז אבי-סעל שווערלער. די סיבה ליגט אפשר מעהר אין אונז ווי אין זיי. ס'איז ביי אונז פאראן אנ'איינסטינקטי-ווער געפיל, וואס לאזט נישט מיט די מענשען היימיש ווערען. איך האב דאס דאזיגע געפיל בע-מערקט און אבסערווירט ביי זיך אליין, קוים אבער האב איך עס בעקעמפט האט זיך ארויסגעוויזען אז מען קאן די דאזיגע מענשען אויך דערווארעמען. פערשטייט זיך, אז דאס קומט אן לייכטער ביי א פלעשעל זעקס און נייניגער. אבער ווי עס זאל נישט זיין האב איך פעסטגעשטעלט, אז ס'איז מעגליך די דאזיגע פארכמורעטע, קאפ-רעדעוודיגע יודען רעדעוודיג צומאכען און דעמאלט קאן מען ארויספילען ווי פון הינטער דער דיקער אייז-דעק פון טעמפקייט און גלייכגילטיגקייט שלאגט א מענש לעך ווארים הארץ.

געוועהנליך גיט זיך דאס נישט אלעמאל איין. קוים אבער האט זיך מיר איינגעגעבען די דאזיגע שווערליכע צונגען פונאנדערצוציהען, האב איך געהערט גאנץ אינטערעסאנטע מעשיות דערציי-לען, מעשיות אויסטערלישע, ווי אויסטערליש, עס איז דאס לעבען פון מענשען וואס האבען צו טון מיט'ן טויט.

ווי געזאגט דאמינירט אין די אלע דערציילונגען איין הויפט-מאטיוו די שרעק פאר'ן טויט אדער בעסער געזאגט די שרעק פאר דעם טויטען. דער דאזיגער מאטיוו, וואס ווערט איבערגעחזרט אין זייער שיר'ענע ווארינאנטען איז מעהר ווייניג בעקאנט יודען איינציגען, וואס האט נאר געהאט א טרא-דיציאנעל יודישע דערציהונג מחמת די דאזיגע געשיכטעס, וואס איך האב געהערט דא פון די קברנים דערציילען ווערען מיט דעם וועלביגען, דערפאלג דערציילט אומעטום ווי די לייט זענען נאר פאראן. און כאטש די וואס האבען מיר דער-ציילט האבען אונטערגעשטראכען, אז דאס אלץ וואס זיי דערציילען האט טאקע מיט זיי אליין גע-טראפען, פונדעסטוועגען ווארפט א ספק אויף די דערציילונגען שוין דער פאקט וואס זיי זענען צופיל אידענטיש מיט א סך אזעלכע דערציילונגען, וועלכע עס איז מיר אויסגעקומען צו הערען פון פאלקס-מויל. געוויס בעשולדיג איך נישט די יודען אין קיין ליגענט, נאר מען מוז אבט נעמען אז דא פילען א ראל פערלאפענע יאהרען, ווי אויך דאס, וואס דער דערציילער האט זיך פאקטיש געפינען אין א צושטאנד ווען דער פחד האט איהם בעהערשט און דעמאלט איז דער געגעבענער מענש געווארען א צושויער פון אליין ארויסגערופענע — אין גע-דאנק פערשטייט זיך — שרעק-בילדער.

פון די אלע מעשיות, וואס די טויטען-יודלעך האבען מיר ביי א גלעזעל שפירט דערציילט לוינט נאר איבערצודערציילען איינע, וועלכע איך האב געהערט אין קעלער-רעסטאראן אויפ'ן „גוטען ארט" פון אנ'עלטערען יוד, וואס פערנעמט אנ'אמט ביי דעם אויסריכטען ((מטהר זיין) דעם מת אויף יענער וועלט.

— דאס איז געווען יונגערמאן מיט א פערציג יאהר צוריק כ'האב זיך ערשט אנגעהויבען פערנע-מען מיט דעם א. נישט פאר געצאלט פערשטייט זיך, נאר אזוי לשם מצוה. דעמאלט איז אין לאנד אומגעגאנגען עפעס א שלאפקייט, וואס האט אומ-געבראכט הונדערטער יודען. כ'געדענק עס ווי היינט עס איז געווען א הארבסטיגער פרייטאג. מען האט געבראכט אויפ'ן „פעלד" ארויף א סך מתים, די ארבייט האט ממש געברענט אונטער די הענד. נאר צוליב דעם געוויכטען רעגען און צוליב דער גרויסער צאל טויטע זענען א סך איבערגעבליבען וועלכע מען האט נישט בעקאנט טון זייער רעכט נישט געווען דערייבער קיין אנ'ער עצה, ווי איבערווארטען איבער שבת, איהר ווייסט דאך אבער אז א בר מנן דארף מען היטען ווי אנ'אויג אין קאפ, זענען מיר טאקע עטליכע מענשען פער בליבען דא אין „קיהל שטיבעל" היטען, פערזארגטע מיט י"ש און מיט פארבייסען. א ספרל האט זיך אויך געפינען. אט אזוי זענען מיר א מאן פינף, דריי יונגע און דריי עלטערע פערבליבען, כ'זאל אייך נישט זאגען קיין ליגענט בין איך נישט איינגאנצען פריי געווען פון שרעק, נאר גארנישט מען האט גענומען עטליכע גלעזלעך און ווי זאגט מען דארט: חתן מאך דיר א לב! און גארנישט.

מיר פון א גאנצען טאג און דערצו נאך פון דעם שפירט זענען מיר אזוי פאוואלע איינגעשלאפען ווי לאנג דאס האט געדויערט ווייס איך נישט, נאר אין שלאף האב איך פלוצלינג געהערט ווי עס רודערט זיך עפעס, איך האב געעפענט די אויגען, אלע מיינע חברים זענען געשלאפען. איך האב זיך איינגעהארכט, מיר האט זיך אויסגעדוכט, אז דארט ווי עס ליגען די מתים האט זיך עפעס א רו-דער געטון, ס'האט מיך — כ'וועל אייך זאגען דעם אמת — א נעם געטון פאר'ן הארץ, כ'האב זיך אבער באלד באהערשט: מאלע וואס, ס'האט זיך מיר אויסגעדוכט, איך האב פרובירט איינשלאפען נאר עס גייט נישט, איך הער דייטליך ווי דארט ביי די טויטע רירט זיך עפעס, עס באוועגט זיך. איך האב צוגעמאכט די אויגען, נאר מעשה שטן האבען זיי זיך אויפגעריסען און דווקא אהינגעקוקט דארט... און וואס מיינט איהר האב איך געזעהן? איך האב דייטליך געזעהן ווי איין בר-מנן ריהרט זיך און ווארפט פון זיך אראפ די שווארצע דעק אזוי אויך ווי איך האב בעוויזען צו מאכען א גע-שריי האט דער טויטער אנגעהויבען קרעכצען מיט א מיר קול:

— וואסער, אביסעל וואסער!

נו, און וואס יונגערמאן איר זעט דאך היינט שלעפען מיר זיך נישט אזעלכע זאכען. מ'ווערט עלטער — ווערט מע קעלטער, נו מען מוז גיין, מען מוז אויסריכטען אהין אדם שהלך לעולמו כ'ע-כ'ע.

די לעצטע ווערטער זענען ארויסגעזאגט גע-ווארען בכדי צוריקצוגעפינען דאס גלייכגעוויכט, און די גלייכגילטיגקייט וואס איז אזוי נויטיג די דאזיגע מענשען.

עס זענען נאך פאראן א גאנץ אנדערער סארט מענשען וואס לעבען פון טויט. די אזוי צו זאגען: צופעליגע, אבער וועגען זיי וועט אויס-קומען צו דערציילען א צווייט מאל.

רעכט און לעבען

יורידישע ביילאגע פון „נייעם פאלקסבלאט"

וויכטיגע ענטשיידונגען פון העכסטען געריכט

עקסמיסיעס.

ארימקייט און ארבייטסלאזיגקייט אלס סיבה פון נישט צאהלען קיין דירה געלט בארעכטיגט אויף אן אפליינג פון עקסמיסיע־אויספיהר בלויז דאן, ווען די ארימקייט און ארבייטסלאזיגקייט ס'זענען ענטשטאנען אין מאמענט.

נישט געקוקט דערויף וואס ביים דינגען דעם לאָקאל איז די הויך פון דירה־געלט נישט פעסטגעשטעלט געווארען, קען דאס נישט צאהלען קיין דירהגעלד בארעכטיגען אן עקסמיסיע.

ענטשעדיגונג.

הגם פאר א פארשאפטען שאדען אין שייכות מיט א באנאנגענעם פערברעך טראגט סאָלידארישע פעראנטוואָרטליכקייט אויך דער בעל־בית פון פער׳משפטען, דאך איז די דאזיגע פעראנטוואָרטליכקייט נישט קיין סליחה.

אפהענגיג פון די אומשטאנדען קאן דאס געריכט פעסטשטעלען די הויך פון דער מיטפעראנטוואָרטליכקייט פון יעדען פון די אנגעקלאגטע.

ארבייטס - אפמאכען מיט גייסטיגע ארבייטער.

דאס קינדיגען דעם אפמאך מיט א גייסטיגען ארבייטער דארף נישט אימבעדינג געמאכט ווערען שריפטליך, ס'איז אויך גילטיג ווען ר'ווערט געמאכט מינדליך.

דער כלל, אז מ'טאר נישט קינדיגען אן אנגעשטעלטען בעת ער ערפילט די פליכטען פון א לאוניק אין ארבייטס - געריכט דארף פערשטאנען ווערען אין דעם זין, אז מ'טאר איהם נישט קינדיגען אין משך פון דער צייט, ווען ער באטייליגט זיך פאקטיש אין די געריכטס - סעסיעס און נישט אין פערלויף פון דער גאנצער קאדענץ, אויף ווי לאנג ער איז פעשטימט געווארען אלס לאווניק.

קלאסיפיקאציע פון ארבייטער.

אויב ס'איז נישט קלאר, צי די פונקציעס וועלכע ס'פיהרט אויס א געוויסער ארבייטער געהערען צו דער קאטעגאריע גייסטיגע, דארף מען אזא ארבייטער אנערקענען אלס פיזישען.

איבער־שעה'ן.

אן אפמאך לויט וועלכען אן ארבייטער האט זיך מתחייב געווען צו ארבייטען לענגער, ווי 8 שעה איז נישט אהנגילטיג, אויב ח'אין אין איהם בפירוש אנגעגעבען, וויפיל דער זעלבער ארבייטער דארף פערדינען פאר די נארמאלע ארבייטס־שעה'ן און בעזונדער פאר די איבער־שעה'ן.

צאהן-טעכניקער.

א צאהן־טעכניקער קאן פירען א זעלבסטשטענדיגע ארבייטס־שטעל און ארויסהענגען אן ענטשפרעכענדע שילד.

ער מעג אבער אננעהמען ארבייט בלויז פון דענטיסטען און נישט פון פאציענטען, אלענפאלס טאר ער נישט קומען מיט קיין פאציענטען אין דירעקטער באריהרונג.

ליציטאציעס.

דאס דעקען דעם שאדען וואס דער מאהנער האט געליטען צוליב נישט צושטעלען די סעקוועסטרירטע חפצים צו דער ליציטאציע, בעפרייט נישט דעם בעל־חוב פון דער פארהגעזעהענער שטראפליכער פער אנטוואָרטליכקייט.

די סאנקציע פאר אויסבעהאלטען חפצים פון דער דראהענדער עקזעקוציע קאן אנגעוואנדט ווערען אין די פאלען ווען געגען בעל חוב איז שוין פאראן א געריכטס פסק־דין אדער די תביעה איז אריינגעטראגען געווארען אין געריכט, עווענטועל אויב ס'האנדעלט זיך וועגען חפצים שטוהמענטע ביים מאהנער אויף אויסצאהל.

אויסדערציילען פון דער אויספאר־שונג.

דער פערבאט צו פערעפענטליכען פרטים פון אן אויספארשונג באציהט זיך נישט צו אלעמען בעקאנטע פאקטען און אויך נישט צו אזעלכע פאקטען וועלכע זענען אין צוזאמענהאנג מיט דער געפיהרטער אויספארשונג מאקי ארויסגעשווימען, הגם זיי האבען נישט מיטן אייגענטליכען פערברעך קיין שום שייכות.

עקזעקוציעס.

עקזעקוציעס לגבי פענסיעס פון מיליטער פערזאנען אדער אנגעשטעלטע אין מיליטערישע אינסטיטוציעס קאנען געווינען ווערען בלויז אין דער הויך פון 10 פראצענט.

אפליינג פון אויסצאהלונגען.

אויב א שותפות־פירמע איז ערטיילט געווארען אן אפליינג פון אויסצאהלונגען איז די דאזיגע הנחה אויך חל אויף די חובות פון יעדען פון די ... און נישט בלויז אויף האטרעלם חובות נא... אויף פערזענליכע.

אינדוסטריע - שטייער.

דער אומשטאנד וואס איינער אדער טייל ... זענען נישט צוגעצויגען געווארען צו דער ... ווארטליכקייט פאר נישט אויסקויפען קיין ... דינגט טאך נישט פאר קיין באווייז, אז אויך ... בעריגע שותפים זענען פון דער דאזיגער ... ווארטליכקייט באפרייט.

אין פאל ווען א יורש האט זיך אפגעזאגט ... גע׳ירשנטען געשעפט און זיך אין איהם ... נישט באטייליגט, הגם פון דער ירושה בכלל ... נישט רעזיגנירט, קאן מען איהם נישט צוצי... פעראנטוואָרטליכקייט פאר פיהרען אן אונט... מוזנג והן א פאטענט.

קורצע אויפקלערונגען פון אקטועלע רעכטליכע עניני[ם]

שטעמפעל-אפצאהל.

אן אפמאך, לויט וועלבען אן אונטערנעהמער אנגאזשירט אויף א פאסטען אן ארבייטער אדער אנגעשטעלטען עווענטועל נעהמט צו אין דער לעהר א יונגעל אדער פראקטיקאנט, איז באפרייט פון שטעמפעל־אפצאהל.

אויך קוויטונגען אויף דערהאלטען געלד זענען פריי פון שטעמפעל־אפצאהל.

רעסגלייכען זענען אויך פריי פון שטעמפעל־אפצאהל אפמאכען וועגען געשלאסענע טראנזאקציעס אפילו ווען בלויז איינער פון די צדדים פיהרט אן אונטערנעהמונג און דער אביעקט פון די טראנזאקציעס געהערען צום האנדעל אדער פראדוקציע פון דער דאזיגער אונטערנעהמונג.

קראנקהייטס -פארזיכערונג.

די פליכט פון דער סאציאלער פארזיכערונגס־אנשטאלט צו ערטיילען א פערזיכערטען הילף אין פאל פון א קראנקהייט הערט אייגענטליך אויף מיטן מאמענט ווען ס'ווערט מיט איהם אויפגעלעזט דער ארבייטס־אפמאך.

דאס געזעץ זעהט אבער פאר געוויסע אויסנאהמען פון דעם כלל און נעמליך : אויב דער פעטרעפענדער איז געווען פאר דער אויפלעזונג פון אפמאך וויינגסטענס די לעצטע 10 וואכען פערזיכערט אדער סך הכל 30 וואכען אין משך פון די לעצטע 13 חדשים און די קראנקהייט איז ענטשטאנען אין די ערשטע 3 וואכען נאכן אויפלעזען דעם ארבייטס־אפמאך, האט ער רעכט אין פערלויף פון 13 וואכען צו באקומען מעדיצינישע און היילהילף.

קוים האנדעלט זיך וועגען א קראנקהייט, וועלכע פאדערט א לענגערע קורארציע האט א געקינדיגטער מיט דעם זעלבען פארזיכעראנגס־סטאזש רעכט אויף אזא קוראציע אויב די קראנקהייט איז ענטשטאנען אין משך פון 4 וואכען נאכן אויפלעזען דעם ארבייטס־אפמאך.

די דערמאהנטע בעגרענצונגען באציהט זיך נישט צו די פאלען ווען די קראנקהייט איז ענטשטאנען און די קוראציע האט זיך אנגעהויבען נאך פארן אויפלעזען דעם ארבייטס־אפמאך.

היפאטעק-צינזען.

וועגען דער הויך פון צינזען, וויפיל א היפאטעק בעל־חוב איז מחויב צו צאהלען, שטעלט דאס געזעץ אזוי פעסט : פאר דער צייט ביז 1טען אפריל 1933 ווערט גענומען 8 פראצענט, פאר דער צייט פון 1 אפריל 1933 ביזן 30 נאוועמבער 1935 — דארף געצאהלט ווערען 6 פראצענט און פון 1 דעצעמבער 1935 אן דארף א בעל־חוב נישט מעהר צאהלען ווי 5 פראצענט.

נאך 5 יאהר ווערט א תביעה וועגען אזעלכע צינזען בכלל פערעלטערט.

מאטיווען פאר א קינדיגונג פון אן אנגעשטעלטען.

אויב אן אנגעשטעלטער בערירט אן אונטערנעהמער פאר מענשען און שאדענט איהם דערמיט די געשעפטליכע אינטערעסען, גיט דאס א גענוגענדען גרונט איהם אויפן ארט צו באזייטיגען פון פאסטען אפילו אויך־אין דעם פאל ווען דאס באַרעדערוי האט נישט קיין דירעקטע שייכות צו דער געשעפטליכער טעטיגקייט פון אונטערנעהמער, נאר בעציהט זיך נאר צו זיין פערזענליכען לעבען.

קינדיגונגס - טערמין פון אן שטעלטען.

ניי געזעצען און צירקולארן

קאסאציע קויציעס און ארימקייט-רעכט.

דאס יוסטיץ מיניסטעריום קלערט־אויף אין לעצטען צירקולאר אז ווען א פעטענט איז אנערקענט געווארען ארימקייט - חנמי דארף די קאסאציע פון איהם אנגענומען ווערען, הגם דער טערמין צו דערלאנגען די דאזיגע קאסאציע איז שוין אריבער.

קוים ווערט אבער דעם פעטענט קיין ארימקייט־רעכט נישט אנערקענט און דערווייל איז דער קאסאציע טערמין פארבײַ, טאר די קאסאציע פון איהם נישט אנגענומען ווערען, הגם ר'איז גרייט אריינצוטראגען דעם קויציע־בעטרעף.

לויט אן אינסטרוקציע פון זעלבען יוסטיץ־מיניסטעריום דארף פאר יעדען פריוואט - אנקלאגליכען פראצעס איינגעצאהלט ווערען אויפן חשבון פון די עווענטועלע פראצעס קאסטען א סומע פון 20 אדער 50 גילדען, אפהענגיג דערפון צי דער פראצעס ווערט פערפיהרט אין שטעטישען אדער קרייזגעריכט.

אין יעדען פראצעס דארף געמאכט ווערען איין איינצאהל, אהנאפהענגיג פון דער צאהל אנגעקלאגטע און פארגעווארפענע זיי פערברעכענס.

מיליטער-דינסט און בירגער-רעכט.

דאס מיניסטעריום פאר מיליטערישע ענינים וויזט

פוילישער פאשיסטישער פראנט נישט פאראדירען אין מונדירען

דער גורל פון א פרוי

(76 סענסאציאנעלער און שפאנענדער ראמאן

געפריאנד איז געשטאנען ביים בעט און זיך נישט געטרויט צוגיין נאהענט. זיינע אויגען זענען געווען צוגענאגעלט צו רחלען און ער האט געטריטען איהר שיינקייט. וואס איז אין איהם אריינגעדרונגען און נע געפעלט זיין גוראטק. דאס לעצטע ביסעל קאנטראל האט איהם געהאלטען אין פערלאָזען און מיט נישט זיכערע טריט האט ער זיך געשטארט צום בעט. ער האט זיך איינגעבויגען אין דערפיהלט איהר הייסען פרישען אטעם אויף זיין מויל, ער האט זיך אוועקגעזעצט אויפן בעט און גענומען גלעטען איהרע האר. איהר פנים, ווען זיין האנד האט זיך דורכגעגלעט דורך איהרע ליפען האט ער זי אנגענומען און זיין ווילען איז א מטאנצען פאראליזירט געווארען. ער האט די ליפען נישט געקאנט ארויסלאזען. ער האט צוגע בויגען זיין קאפ, צעטראגען זיינע ליפען צו איהרע אין א לאנגען, לידענשאפטליכען קוש, ער האט זיך נישט געקאנט זעטיגען מיט דער ווייכקייט פון איהר מויל און ער האט די הנאה געוואלט פערלענגערען. ער האט זי געקושט און נשקושט, זיינע סענסיטיווע ליפען האבען געהורשט נאך איהר־טעם.

רחל איז געלעגען און זיך זיס פערגאנגען אין יונג פרויליכער אונטערגעבונג... זי האט געגארט נאך מעהר גלעטען, מעהר צערטליכקייטען, מעהר קושען. און מיטן טשאר פון זיינע געדאנקען האט דורכ־געקריצט זיין פערשיכורטען מוח :

„איך מוז זיך קאנטראלירען... זי איז איצט שיכור... ס'איז נישט שיין... מען טוט נישט אזוי!.. ס'איז נישט ליטיש! זי ווייסט איצט נישט וואס זי טוט און זי קען חרטה האבען ווען זי וועט זיך אויסניכטערען !"

ער האט זיך אפגעריסען פון בעט, אפגעגאנגען א פאר שפאן און געבליבען שטיין, אליין נישט ווי־סענדיג וואס צו טון.

רחל איז געווען שיכור פון ווייַן, שיכור פון זיי־סער גלוסטונג, און זי האט צעעפענט איהרע שיינע ליפען און זיך פיי איהם געבעטען :

— קארל טייערער, הארציגער, ליבער געטרייער ! לאז מיך נישט אפ! ס'איז מיר אזוי שלעכט אהן דיר! איך בין אזוי הילפלאז ! אז דו וועסט מיך נישט באַשיצען מיך נישט האלטען אין דיינע ארעמס וועלען „זיי" מיך פון דיר אוועקנעהמען... נעהם ארום - קוש מיך, ליבער, געליבטער!

ער האט נישט קלאר געהערט איהרע ווערטער. עפעס פון דעם וואס זי האט געזאגט האט ער נישט פערשטאנען, ער האט נישט געוואלט פערשטיין ער האט נאר געוואוסט אז זי רופט איהם, אז זי וויל איהם, אז זי וויל איהם: און ער איז צו איהר געגאַנגען.

ער האט זיך צוריק אוועקגעזעצט אויפן בעט, זי האט איהם ארומגענומען און צוגעבויגען צו זיך. ער האט אויסגעשטרעקט זיינע הענט, זי אריינגענומען אין זיינע ארעמס. זיי זענען אזוי א וויל געלעגען מיט נישט־געזעטיגטע, פייענדיגער גלוסטונג.

— רחל ! טייערע, צארטע, ליבע, געליבטע ! מיר וועלען חתונה האבען. מיר וועלען זיין גליקליך, איך וועל דיך גליקליך מאכען... איך וועל דיך דערהויבען... איך וועל פאר דיר שטארבען... איך וועל פאר דיר לעבען! איביג — איך און דו.... יא? זאג עפעס! רעד עפעס! איך האב דיך אזוי ליב ! אזוי שטארק ליב ! רחל, רחל, רחל !

— קארל טייערער , גוטער קארל ! עס איז אזוי שלעכט, אזוי ביטער אויף דער וועלט! פארוואס זע־נען מענשען אזוי שלעכט ?! פארוואס איז גליק פאר מיר אוממעגליך?! פארוואס?! דו ביזט אזא גוטער... אזא הארציגער, וועסט מיך אויסלייזען פון פיין און ליידען... יא, קארל ?

— רחל, ליב קינד ! ליב מיידעלע ! איך וועל פאר דיר אין פייער און אין וואסער גיין... איך וועל נישט לאזען א שפרינקעלע אויף דיר פאלען... איך וועל דיך באשיצען, באהיטען! ווי א קעניגין וועסטו ביי מיר זיין! גיב מיר דיינע בעפעהלען. און ווי א געטרייער שקלאף וועל איך זיי אויספיהרען!

— קארל! טייערער. הארציגער העלד מיינער! דריק מיך מעהר צו זיך! נעהם מיך אינגאנצען אַריין... אינגאנצען... אזוי בין איך זיכער, און ס'איז מיר גוט... אזוי גוט...

— איך האב דיך ליב! ליב.. ליב..

— — — — — — — — — —

זיי זענען געלעגען אין בעטען, פון דרויסען האָבען זיך געהערט ווילדע צעשמעטערנדע קולות פונם פייפענדיגען ווינט און פון שלאקס רעגען, די בוי־מער ביים הויז האבען געטרישטשעט, בייגענדיג זיך אונטערן כוח פון דעם בייזען שטורעם. די שווערע טראפענס פון שלאקס רעגען האבען זיך אנגעשלאגען אין די בלעטער, אין די שייבען, אין דער ערד. — אט מיט אן עקשנותדיגער מאנאטאניקייט, אט פלוי־צים שטארקער, און ווידער מאנאטאן, די נאטור האט

(פארזעצונג קומט)

דאס לאָדזער לעבען

זונטאָג, 14 פעברואַר ג' אדר תרצ"ז

זון-אונטערגאַנג 4.47
זון-אויפגאַנג 6.31

מיטוואָך די פּלענאַר=זיצונג פון שטאָט=ראַט

דער מאַגיסטראַט וועט ענטפערען אויף דער ענדעקישער אינטערפּעלאַציע מכּח בעזייטיגען די יודישע בעאַמטע

מאָרגען קומט פאָר אַ וויכטיגע זיצונג פון דער פינאַנץ- און בודזשעט=קאָמיסיע, וועלכע איז דאָנערשטאָג איבערגעריסען געוואָרען צוליב דער שפּעטער צייט. די טאָג-אָרדנונג פון דער מאָרגענדיגער זיצונג איז פאָלגענדע:

1) וועגען אַן'איינמאָליגער אונטערשטיצונג פאַר סעזאָן-אַרבייטער, וועלכע זענען געוועזען בעשעפטיגט אין יאָהר 1936 אויף די סעזאָן-אַרבייטען (פאָרשלאָג פון פ.פ.ס., בונד און פּועלי-ציון).

2) פראַגע וועגען גרינדען אומזיסטע קוכען פאַר דער אָרימער בעפעלקערונג אויף די עקען שטאָט (פאָרשלאָג פון פ.פ.ס., בונד און פּועלי-ציון).

3) העכערען די קרעדיטען אויף דערנעהרען די קינדער אין די פאָלקס-שולען (פאָרשלאָג פון פ.פ.ס., בונד און פּועלי-ציון).

4) פראַגע וועגען אויסהאַלטען דורך דער שטאָט די יתומים נאָך שאַניאַווסקי'ס קרבנות, בערקאָוויטש און זענדעל.

5) פראַגע פון קאָנווערסיע פון קורצטערמיניגע הלוואות פון ב. ג. ק.

נעכטען איז פעסט געשטעלט געוואָרען די טאָג=אָרדנונג פון דער שטאָט-ראַט-זיצונג, וועלכע קומט פאָר דעם 17 ד. ח. דאָס וועט זיין די פינפטע זיצונג פון שטאָט-ראַט, די טאָג-אָרדנונג נעמט אַרום אַלע פראַגען, וועלכע זענען ערלעדיגט געוואָרען דורך די קאָמיסיעס און דאַן נאָך די פראַגע פון ענדערן די נעמען פון פּשעיאַזד גאַס אויף דזשינסקיעגאָ און זאַגאַיניקאָווא אויף קאָפּטשינסקיעגאָ.

אויף דער דאָזיגער זיצונג וועט דער מאַגיסטראַט אויך ענטפערן אויף די אָריגינעלע אינטערפּעלאַציעס פון פערשידענע קלובען. צווישען זיי געפינט זיך די ענדעקישע אינטערפּעלאַציע וועגען בעזייטיגען די יודישע בעאַמטע און יודישע ליפעראַנטען פון מאַגיסטראַט.

געשטאָרבען ראַטמאַן מינישעווסקי

עהרנעכטען איז נאָך אַן'אָפּעראַציע פון בלינדע קישקע געשטאָרבען דער ראַטמאַן פון דער סאָציאַליסטישער פראַקציע מינישעווסקי, ער איז אַלט געוועזען 33 יאָהר:

אויף זיין אָרט גההט אַריין אין שטאָט-ראַט ה' וולאַדיסלאַוו קענדזשערסקי.

שנעלע טעמפּאָ פון אויספאָרשונג

געגען דעם ענדעקישען „פיהרער" ראַטמ. קאַוואַלסקי

איז סטענאָגראַם פון דער לעצטער שטאָט=ראַט=זיצונג געפינען זיך די בייש-פּילדאָזע ווערטער פון דעם „מעצענאַס"

ווי מיר דערוויסען זיך, ווערט די אויספאָרשונג געגען אַרוו. קאַוואַלסקי פאַר גלאָריפיצירען פערברעכענס, געפיהרט אין אַ שנעלען טעמפּאָ.

ווי די לעזער געדענקען, ווערט די אויספאָרשונג געפיהרט אין רעזולטאַט פון אַ פאַקט, וועלכער איז פאָרגעקומען אויף דער זיצונג פון שטאָט-ראַט דעם 28 יאַנואַר ה.י. אַ טאָג פריהער האָט מען ערמאָרדעט אויף שטערלינגאַ גאַס דעם יודישען יונגערמאַן שמעון כעלעמנער, און ס'זענען פערוואונדעט געוואָרען נאָך עטליכע פערזאָן, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזען, איז דער מערדער געוועזן אַ מיטגליד פון דער ענדעקישער אָרגאַניזאַציע אין לאָדז, דער קאָמענדאַנט פון דער „אָרדנונגס-וואַך" אין זיין אָרגאַניזאַציע, יאַן אַנטשאַק.

בעת ראַטמ. מילמאַן האָט געלייענט די דעקלאַראַציע פון זיין ריכטונג אין דערמאָהנט וועגען דער זיכערקייט פון דער יודישער בעפעלקערונג אין לאָדז, האָט ראַטמ. לעווין אויסגעשריגען:

— נעכטען האָט מען ווידער ערמאָרדעט אַ יוד.

דעמאָלט האָט אַרוו. קאַוואַלסקי געפּאַטשט אין די הענט און אויסגעשריגען:

— אַ יוד האָט מען דערהרגעט? בראַוואָ, בראַוואָ, אַ שאָר. וואָס נאָר איינעם!

דער דאָזיגער אויסגעשריי פון „פאַן מעצענאַס" האָט אַרויסגערופען אַן'אַלגעמיינע אויפרעגונג. שוין אויפ'ן צווייטען טאָג האָט זיך די יוסטיץ-מאַכט דערמיט פערנומען. די פּראָקוראַטור האָט אנגעהויבען אַן אויספאָרשונג און קודם כל אַרויסגעפאָדערט פון דער פּרעזידיאַל-אַפּטיילונג ביי דער שטאָט-פערוואַלטונג אַ סטענאָגראַם פון דער לעצטער זיצונג פון שטאָט-ראַט.

מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט דער „אָרענאַווניק" געפּרובט צו באַגאַטעליזירען דעם גאַנצען ענין און ערקלערט, אַז קאַוואַלסקי האָט אַזאַ אויסרוף אינגאַנצען נישט געמאַכט.

ווי מיר דערוויסען זיך האָט דער מאַגיסטראַט שוין איבערגעשיקט אַ סטענאָגראַם פון דער זיצונג צו דער פּראָקוראַטור. ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרען אַז דער דערמאָנטער פאַקט איז דורך דער לאָדזער פּרעסע איבערגעגעבן געוואָר'ן מיט דער גאַנצער גענויקייט. דער סטענאָגראַם אנטהאַלט דעם דאָזיגען קאַוואַלסקי'ס אויסרוף צוויי מאָל. איינמאָל ווי מיר האָבען שוין דערמאַנט, בעת דער רעדע פון ראַטמ. מילמאַן און דאָס צווייטע מאָל איז עס פאָרגעקומען בעת דער רעדע פון ראַטמ. לעווין.

פאַר אונז ליגט דער סטענאָגראַם פון ראַטמ. לעווינס רעדע, בעת וועלכער ער האָט באַגרינדעט דעם פאָרשלאַג וועגען דעם, אַז די שטאָט זאָל אויסהאַלטען די הוצאות אויף ערציהען די יתומים פון בערקאָוויטש און זענדעל. ראַטמ. לעווין האָט געזאָגט: „ווידער אַ יונג לעבען, אַ יונגער, 22-יעהריגער אונשולדיגער מענש, וועלכער האָט קיינעם גאָרנישט געטון, איז נעכטען אָווענד אויף שטערלינגאַ גאַס דערשטאָכען געוואָרען און היינט האָט ער אויסגעהויכט די נשמה (אַדוו. קאַוואַלסקי: איז וואָס? נאָר איינער? בראַוואָ, בראַוואָ, און וויפיל האָט איר פאַלאַקען ערמאָרדעט?) ווען ראַטמ. לעווין האָט ווייטער גערעדט, האָט זיך ווידער טשערניק אנגערופען מיט פאָלגענדע ווערטער: „נאָר איין הינטישע לעבער. איך וואָלט אייך אין די הונדערטער אין איין שעה אויסגעמאָרדעט".

צוליב דעם האָט די פּראָקוראַטור פאָרפירט אַ פּראָצעס ס'ווערען שוין אויסגעהערט די עדות און אינגיכען וועט צונויפגעשטעלט ווערען דער בעשולדיגונגס-אַקט.

ווען וועט אַנטשאַק שטעהן פאַרן געריכט

די אויספאָרשונג ווערט אינגיכען פערענדיגט

ווי מיר דערוויסען זיך, ווערט שוין פערענדיגט די אויספאָרשונג אין דעם ענין פון יאַן אַנטשאַק: די אויספאָרשונג ווערט געפיהרט אין צוויי ריכטונגען, ווייל אַנטשאַק איז בעשולדיגט אין אויספיהרען צוויי מאָרדען, איינעם איבער גליצענשטיינען דעם 6 סעפּטעמבער און דעם צווייטען איבער כעלעמנערן דעם 27 יאַנואַר.

דער פּראָקוראָר פאָרשט אויך אַלע איינצעלהייטען פון אַנטשאַקס אַרויסטרעטונגען. ווי בעקאַנט איז אַנטשאַק געווען אַ פיהרער פון די ענדעקישע באָיאָווקעס.

ס'איז נאָך נישט בעקאַנט אויף וואָס פאַראַ אופן ס'וועט קאָנסטרואירט ווערען דער בעשולדיגונגס=אַקט. מען אינפאָרמירט אונז, אַז עס עקזיסטירען צוויי קאָנצעפּציעס. איינע — אַז די פּראָצעסן פון ערמאָרדען גליצענשטיינען און כעלעמנערן זאָלען פאָרקומען צוזאַמען און די צווייטע — אַז אַנטשאַק זאָל צוויי מאָל שטיין פאַרן געריכט, בעזונדערס פאַר איין מאָרד און בעזונדערס פאַרן צווייטען. ערשט ווען ס'וועט אויסגעאַרבייט ווערען דער בעשולדיגונגס-אַקט וועט דער ענין דעצידירט ווערען.

דער טערמין פון אַנטשאַקס פּראָצעס וועט וואַהרשיינליך בעשטימט ווערען אויף סוף מערץ.

די צענטר. סוחרים-פעראיינען אין וואַרשא
אָרגאַניזירען אַ ווירטשאַפטליכען אויספלוג
אויף די ירידים קיין לאָנדאָן
פון 17/II ביז'ן 3-טען מערץ — 282 זל. איינשרייבונגען און אינפאָרמאַציעס:
Wagons Lits Cook
PIOTRKOWSKA 68, tel. 170-70.

פאַר שווינדעל און גנבה

(א) דער 33=יאָהריגער אָסקאַר האַנקאָווסקי פון וואַרשאַ איז נעכטען געמשפּט געוואָרען דורכ'ן שטאָטישען געריכט פאַר'ן בעשווינדלען אין לאָדז עטליכע צענדליג פערזאָן.

ער פלעגט קומען צו פערשידענע מענשען, און אָנגעבענדיג זיך אַלס פאָרשטעהער פון עפּיס אַ פערלאַג, אַרויסנאַרען קליינע אַדוואַנסען—צו 3 און 5 זלאָטעס, ער איז פערמשפּט געוואָרען אויף דריטהאַלבען יאָהר טורמע.

* * *

(א) דער 26=יאָהריגער אהרן מיטערקעוויטש אַנ'אָנגעשטעלטער ביי משה נירבערג'ן אין מאַנופאַקטור=לאַגער (11 ליסטאָפּאַד 33) איז נעכטען פערמשפּט געוואָרען אויף 10 חדשים טורמע פאַר'ן סיסטעמאַטישען בעגנבענען זיין באַלעבאָס, ער פלעגט אַרויסטראָגען 3—5 מעטער-רעשטלעך און זיי פערקויפען, אזוי האָט ער „צוריכגעמאַכט" סחורה אויף אַנ'ערך 900 זלאָטעס.

* * *

(א) דער ספּעציאַליסט אין גנב'ענען מיט דער הילף פון ראַזיר-מעסערלעך דער פּראָפעסיאָנעלער, פּיעל-מאָל=בעשטראָפטער גנב העניך מאַיעווסקי האָט נעכטען בעקומען אַ נייעם אורטייל—2 יאָהר טורמע.

* * *

(ז) נעכטען זענען דורכ'ן שטאָטישען געריכט געמשפּט געוואָרען 2 פערזאָן, וועלכע מ'האָט בעשולדיגט אין בעשווינדלען עטליכע ראַדיאָ-פירמען. עס זענען פערמשפּט געוואָרען: טאָמאַש לעווי—אויף 10 חדשים טורמע און יוזעף סאַוויצקי—אויף 6 חדשים.

Dr. med. Trepman
ספּעציאַליסט פאַר טריפּער, סיפילים און הויט-קראַנקהייטען.
בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע
אויף אַלע אַרט אַנאַליזען.
זאַוואַדזקאַ 6, טעל. 234-12
נעמט אָן פון 8—11 נאָכמ. און פון 6—9 אָוונד

...יידישער פאָלקסבלאַט

גרויסע נאָכפראַגע אויף באַנוועל=גאַרן

(אַג)) אין שייכות מיט דער סעזאָן-אויפלעבונג דער טעקסטיל-אינדוסטריע, איז אין די לעצטע ... שטאַרק געשטיגען די אָנפראַגע אויף אַלע ... באַנוועל-גאַרן, צוליב דעם האָבען זיך די ... אין די היגע פאַבריקען איז משך פון ... יאַנואַר פאַרקלענערט אויף אַן ערך 250 ... קילאָ.

... דעם פאַרגרעסערטען פאַרברויך אין דער ... פון די פרייזען אויף רויען באַנוועל, ... איז נאָטירט געוואָרען אין חודש יאַנואַר, ... די פרייזען אויף באַנוועל-גאַרן נישט געענ... געוואָרען, בלייבענדיג אויף דערוועלבער הויך ... אין אָנהויב יאַנואַר.

בעשלוס פון לאָדזער זשורנאַליסטען-סינדיקאַט

דער לאָדזער זשורנאַליסטען - סינדיקאַט האָט ... צוגעשיקט אַ בעשלוס, וועלכער שטיצט זיך ... די פילמאָליגע אַפּעלען און אויפטראַגען סיי פון ... אַלגעמיינע פערזאַמלונגען פון סינדיקאַט און ... פון היפּש-פאַרב. פון די פּוילישע זשורנאַליסטן ... וועלכען ס'ווערט שאַרף פאַראורטיילט דער נישט ... פערעכענ ער און נישט-דערלאָזבאַרער אופן פון ... קריטיק, וועלכע איז געפיהרט געוואָרען אין „לאָ... ..." (דעם 9 ד.ח.) אַלס ענטפער אויף אַן ... אַרטיקעל פון „קוריער לודזקי".

דער זשורנאַליסטען - סינדיקאַט פאַראורטיילט ... פּערזענליכע געגענזייטיגע אַטאַקירען זיך פון ... זשורנאַליסטען, וואָס איז אין סתירה צו דער פּראָ... פעסיאָנעלער עטיק.

נייע ראַווער-בלעכלעך

די שטאָטישע סטאַראָסטווע איז מודיע די ... ראַווער-בעזיצער, אַז די אַלטע ראַווער-בלעכלעך ... תוקף אויסגעביטען ווערען אויף בלעכלעך ... נייעם טיפּ — אַזעלכע, וואָס זענען גילטיג ... גאַנץ פּוילען.

די דאָזיגע בלעכלעך טוישט אויס די לאָ... שטאָט-פערוואַלטונג.

די שולדיגע אין נישט-בעזיצען נייע בלעכ... וועלען צוגעצויגען ווערען צו שטראָף-פער... אַנטוואָרטליכקייט.

אין גוטען צושטאַנד...

(א) אויף דער גראַדזשינסקא גאַס איז אויס... ... אַנ'אָוואַנטורע צווישען שכּורים, בעת ... עס זענען שווער צושטאָכען געוואָרען מיט ... דער 27-יאָהריגער יוליאַן סטעמפּניאַק, ... דאָסקאָווסקיעגאָ 41) און דער 26=יאָהריגער ... לעפּיאַק — אָהן אַ בעשטימטען וואוין= ...

פּאָגאָטאָוויע האָט זיי ערטיילט ערשטע הילף.

אַפּטייקען.

היינטיגע נאַכט - דיזשורען

(א) היינט ביינאַכט דיזשורירען: סאַראָווסקאַ - ... (זגערזשער 63), י. גראָשקאָווסקי (11 ליס... 15), ט. קאַרל ; (פּילסודסקיעגאָ 54), ר. ... עלינסקי (אַנדזשעיאַ 28), י. כאַנדזשינסקי ... דיקאָווער 165), ע. מילער (פּעטריקאָווער 46), ... סטאַניעוויטש (פּאַביאַניצער 56).

ZACHETA
זגערזשער 26
היינט און פאָלג. טעג
גרויסער דאָפּעלטער פּראָגראַם
I
„JADZIA"
אין דער הויפּט-ראָלע
Jadwiga Smosarska
II
דאָס מיידעל פון
פּאָסט-רעסטאַנט
אָנהויב 4 נ"מ, שבת און זונטאָג—12 ביים.

פּעטאַרדע אויף גדאַנסקע 14
קיינער האָט נישט געליטען, קיין שאָדענס זענען נישט געווען

אויף גדאַנסקא 14 אין הויף געפינט זיך אַ שטיבעל. פרייטאָג אָוונט ווען די עולם האָט גע- האַלטען אין מיטען קבלת-שבת, האָט מען געהערט אַ שטאַרקען קנאַל, אַזוי ווי פון אַן אויפרייס. צווי- שען די מתפּללים איז אנטשטאַנען אַ פּאַניק און מ'האָט אָנגעהויבען ארויסצולויפען אויפ'ן הויף. דאָרט האָט מען אָבער, אַ חוץ א שטאַרקען רויך, גאָר נישט בעמערקט.

אויפ'ן אָרט איז באַלד אָנגעקומען פּאָליציי, וועלכע האָט פעראָרדנט צו שליסען דאָס טויער און קיינעם נישט אַרויסצולאָזען. מ'האָט אָבער גאָרנישט געפונען. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, האָט אימיצער אונטערגעלייגט אַ פּעטאַרדע פון אַ שוואַכער אויפרייס-קראַפט. קיין שאָדענס זענען נישט געווען. קיינער האָט נישט געליטען.

בעשטראָפט די 3 אוואַנטוּרניקעס
וועלכע האָבען דערפיהרט צו א געשלעג אויף עק צעגעלניאַנא און קילינסקיעגא

מיר האָבען מיטגעטיילט וועגען דער גרויסער אַוואַנטורע, וועלכע איז פאָרגעקומען דאָנערשטאָג אויף עק צעגעלניאַנא און קילינסקיעגא.

פרייטאָג איז אין סטאַראָסטע-געריכט פאָרגע- קומען דער פּראָצעס געגען די פערהאַלטענע אַנ- פיהרער פון דער אַוואַנטורע.

די דריי שיכּורים פּשיבּיל, סטאַשעווסקי און בודלינסקי, וועלכע האָבען געוואָלט נעהמען פּאָמאַ- ראַנצען ביי דער יודישע הענדלערקע זענען פער- אורטיילט געוואָרען: פּשיבּול אויף א חודש אונבע- דינגטען אַרעסט, סטאַשעווסקי אויף 2 וואָכען און בודלינסקי אויף 2 וואָכען. דער יודישער דראָשקאַזש באָרוכאָווסקי און דער אַרבּייטער פון דער גאַזאָווניע ווישניעווסקי זענען בעפרייט געוואָרען.

דער פּראָצעס פון צאָהנען, וועלכער האָט אויסגעשאָסען אין דער לופט און איבערגעציקט געוואָרען אין געריכט.

מען מוז גוט גיין!
אין די נאָהענטסטע טעג — ווידער א קאָנטראָלע אין די גאַסען

(א) אין דער וואָיעוואודזטווע איז, מיט'ן אָנ- טייל פון פאָרשטייער פון דער סטאַראָסטווע און דער פּאָליציי, פאָרגעקומען א קאָנפערענץ וועגען די רעזולטאַטען פון דער גענעראַל-קאָנטראָלע איבער דעם ראָד-פערקעהר אויף די גאַסען און די ראָ- גאַטקעס.

גלייכצייטיג איז אַרומגערעדט געוואָרען די פראַגע פ'ון אָרגאַניזירען באַלעהרונגס-טעג, ווי אַזוי מען דאַרף צו גיין, פערבונדען מיט אַ קאָנטראָלע פון דער פוסגייער-בעוועגונג און מיט'ן אינסטרוי- אירען דעם עולם, אויף וואָס פאַר אַן אופן אָפּצוּ- שטעלען זיך אויף די טראָטואַרען פאַר די שויפענסטער, ווי-אַזוי אריבערצוגיין די גאַסען ביי די ראָגען-קרייצונגען א. אַז. וו.

דאָס לערנען גיין, פערבונדען מיט אַ קאָנטראָלע איז שוין אין די פריגע יאָהרען אדורכגעפיהרט געוואָרען און האָט געגעבען גוטע רעזולטאַטען. לעצטענס זענען אָבער ווידער פעסטגעשטעלט גע- וואָרען א סך איבערשרייטונגען און מחמת דעם וועט אין די נאָהענטסטע טעג בענייט ווערען די קאָנטראָלע פון דער פוס-גייער־בעוועגונג.

זאָרג נישט
פערליר נישט דעם בטחון
געדענק
וואַלאַנאָוו מאכט רייך!

געדראָהט, געשאָסען
אָבער, צום גליק, נישט געטראָפען...

(א) אין פּאַסמאַנטיער'ס פישהאַנדעל געוועלב אויף זגערזשער 7 איז נעכטען פאָרגעקומען אַ שי- סעריי.

געשעהן איז אַט וואָס:

יצחק פּאַסמאַנטיער האָט זיך מיט עטליכע טעג צוריק גע'גט מיט זיין ווייב. דער ברודער איהרער, אהרן וואָלרויך, איז נעכטען וועגען דעם ענין גע- קומען „אַרורכשמועסען" מיט פּאַסמאַנטיער'ן, און דאָס געשפּרעך האָט זיך משמעות אַזוי צופלאַקערט, אַז וואָלרויך האָט אַרויסגעכאַפּט א רעוואָלווער און אויסגעשאָסען אויף זיין געוועזענעם שוואָגער.

פּאַסמאַנטיער האָט די קויל אויסגעמיטען.

וואָלרויכ'ן האָט מען אַרעסטירט.

פּאַסמאַנטיער זאָל ביים פערהער האָבען דער- קלערט, אַז וואָלרויך האָט איהם געוואָלט דערהרג'ע- נען, בכדי צו בעקומען די אַסעקוראַציע-פּרעמיע פון 10 טויזענד זל. וועלכע זיין גע... פרוי וואָלט בעקו- מען נאָך זיין טויט...

עס ווערט געפיהרט אַ אויספאָרשונג.

איבערגעפאָהרען אויף טו...

(א) אויף פּיעטריקאָווער גאַס, ביי דע... טעדראַל-פּלאַץ האָט עפּיס אַן'אונבעקאַנטער פון אַ'ערך 45 יאָהר אַלט געפּרובט אויפּש... אויף אַ געהענדיגען טראַמוויי. פּלוצלינג א... געקומען אַ'אויטאָ, און איהם איבערגעפאָהר...

פּאָגאָטאָוויע האָט איהם אָפּגעפיהרט... שפּיטאַל, וואו ער איז באַלד געשטאָרבען...

דער שאָפער ראָמאַן רייסקי איז אַרעס... עס ווערט געפיהרט אַן'אויספאָרשונג.

אָפּגעבריהט פון אַן'אויפר...

(א) פון אונטערהייצען אַן'אויוען מיט... האָט זיך געמאַכט אַן'אויפרייס און די 52-יע... מאַריאַנגאַ גוואַרעק האָט זיך געפעהרליך... בריהט ס'פּנים. אין אַ שווערען צושטאַנד... איהר פּאָגאָטאָוויע אָפּגעפיהרט אין שפּיטאַל.

האַקענדיגע האַלץ

(א) האַקענדיג האָלץ אויף דער בּראַש... האָט אַ געוויסער מאַריאַן גרודזשינסקי זיך... איינגעגעבען? אָפּגעהאַקט 2 פינגער פון דער... האַנד.

פּאָגאָטאָוויע האָט איהם אָפּגעפיהרט... שפּיטאַל.

א שרפה

(א) אויף פּאָלנע 11 איז מחמת אַ ד... אין קוימען אויסגעבראָכען אַ שרפה פון ... עס האָט זיך אָנגעצונדען דער דאַך, פייער... האָבען באַלד דאָס פייער איינגעלאָשען.

זעלבסטמאָרדען

(א) די 23-יאָהריגע נאַטאַליע שמיד... בּזוּוניצקא 100) האָט זיך נאָך אַ קריגערי... דער משפּחה, געסם'ט מיט זאַלץ-זויער.

אויף זשראָמסקיעגא 54 האָבען זיך „בּס... געסם'ט מיט יאָדינע דער 23-יאָהריגער וולאַד... גראָכאַלסקי און דער 19-יאָהריגער יוזעף מ... מ'האָט די צוויי אָפּגעפיהרט אין שפּיטאַל.

איינברוכס-גנבות

(ז) פאַרנעכטען ביינאַכט זענען פּאַר... 2 איינברוכס-גנבות, וואָס זענען אדורכגעפיה... וואָרען מיט דער הילף פון אויסגעהאַקט... פענסטער, איינע-ביי ג. ש. רעסטעל (פּעטרי... 103) און די צווייטע—ביי ה. הערשזאָן (... קאָווער 109).

אויף נאָוואָמיעיסקא
שפּאַנענדער ראָמאַן פון לאָדזער לעבּען

ר. איזראַעל

32.

גאָלדין איז ווידער אַוועק פון באומען און זיך נישט דערוואוסט וועגען וואָס עס האָט זיך און וואָס האָט איהם אַזוי דערשלאָגען. יעדענ- פאַלס איז ביי גאָלדינען פערבליבען דער חשד, אַז די סיבּה דערפון איז דער לעצטער וויזיט פון פריילין רוט קראַנץ ביי זיי און די געשיכטע מיט דעם יודישען זעלנער מאיר ראָזען, וועלכער האָט געוואָלט דינען מיט זיי אין איין פולק.

— און באמת איז דאָס א מאָדנע געשיכטע מיט דעם דאָזיגען מאיר ראָזען — האָט גאָלדין געטראַכט — איך האָב ווירקליך געהערט וועגען אַזאַ זעלנער, אָבער ער איז עפּיס אינגאַנצען פער שוואונדען געוואָרען. באום האָט איהם זיכער גע- קענט. צי האָט ער געזאָגט נישט אמת, ווען ער האָט ערקלעהרט, אַז ער ווייס גאָרנישט וועגען דעם דאָזיגען מאיר ראָזען, צי שטעקט דאָרט עפּיס א סוד און אפשר ... זוכט ער דער סוד, וועגען וועלכען ער האָט מיט מיר גערעדט?

גאָלדין האָט געוואַרט אויף א ווייטערדיגען געשפּרעך מיט באומען, דעמאָלס האָט ער בעשלאָסען אויף יעדען פאַל זיך צו ווענדען דירעקט צו באומען און פון איהם פערלאַנגען, אַז ער זאָל איהם זאָגען וואָס ס'איז געשעהן. גאָלדין האָט געהאַלטען, אַז ער האָט ... עכט צו וויסען נאָכדעם ווי ער האָט צוזאַמען מיט באומען אָפּגעליטען 2 יאָהר, ס'איז נישט געווען דוכט זיך קיין איין מינוט זיי זאָלען נישט ... זיין צוזאַמען, דעריבּער האָט צווישען זיי נישט געטאָרט עקזיסטירען קיין שום סוד.

גאָלדין האָט געוואַרט ביז רוט קראַנץ וועט ווידעראַמאָל קומען אין לאַגער, כּדי ער זאָל קענען זיך דערוויסען נאָהענטערע פּרטים וועגען דער גע- שיכטע מיט דער פרוי ראָזען אין לאָדז, וואָס האָט געהאַט אַזאַ שרעקליכע ווירקונג אויף יצחק באום, און רוט איז טאַקע געקומען.

דערוויסענדיג זיך, אַז באום ליגט אין שפּיטאָל, אַז ער איז ערנסט קראַנק האָט זי איהם געבּרענגט פערשידענע זאַכען וואָס אַ קראַנקער דאַרף האָבען, זי האָט געבּעטען אַן'ערלויבעניש ביים לאַגער-קאָמענ- דאַנט זיך צו זעהען מיט באומען, צוערשט האָט זיך דער קאָמענדאַנט געקרומט, אָבער באַלד האָט ער זיך איבערגעטראַכט, אַז אין דעם פאַל דראָהט נישט קיין שום געפאַר מצד דעם דייטשען מידעל אוו...ער האָט איהר ערלויבט אריינצוגעהען אין שפּי- טאָל און זיך זעהען מיט באומען.

מ'האָט איהר אָנגעוויזען אויף דעם אָרט וואו באום האָט זיך געראַפּט געפינען. אָבער ... אָס בעט איז געווען לעדיג, ס'איז געווען קענטיג, אַז נאָר וואָס איז אימיצער געלעגען אויף דעם דאָזיגען בעט מיט דעם צקנייטשטען בעטגעוואַנט. רוט האָט געמיינט, אַז באום איז ערגעץ —וואו ארויסגעגאַנ גען אויף א מינוט און האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א נעבען-שטעהענדען שטוהל וואַרטענדיג אויף באומען, זי האָט זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטען און אין איהרע מילדע אויגען האָבען זיך געשטעלט טרעהרען. ווייפיל מענשליכע ליידען און אומגליק האָט זי געזעהען, פון אַלע זייטען האָבען זיך געהערט קרעכצען, ווער ס'האָט געקרעכצט פון מוראדיגע ליידען און וועהטאָג און ווער פון אונגעהויער בענק שאַפט נאָך דער היים, נאָך דער מוטער, פרוי, קינד אָדער כלה.

דאָס שפּיטאָל איז געווען אויסשליסליך בּע שטימט פאַר געפאַנגענע, דאָ איז נישט געלעגען קיין איין דייטש נאָר בלויז געפאַנגענע פון שונאס לאַגער, פון פערשידענע נאַציאָנאַל טעטען זענען די צווי קראַנקע געקענט צונויפרעדן, פונדעסטוועגען זענען אַלע געווען דאָ געבּונדען מיט אַ גע- היימען באַנד, אַלע זענען געווען ארומגענומען מיט אַן'אייזערנער רינג, פון וועלכען זיי האָבען זיך נישט געקענט בעפרייען, אַלע האָבען זיך געפיהלט ווי איין מענש ,גרייט יענעם צו העלפען ווי זיך אליין, גרייט פאַר יענעם צו טון אַזעלכעס וואָס פאַר זיך אליין וואָלט מען דאָס קיינמאָל נישט געטון. דאָס איז געווען א היילגע נישט אָפּגעשמועסטע אחדות, וואָס כאַראַקטעריזירט שטענדיג מענשען, וועלכע געפינען זיך אין א בשותּפות'דיגען אומ- גליק.

רוט האָט דאָס אַלץ פערשטאַנען, זי האָט זיך אָבער געהיטען מיט אַ וואָרט, נישט ווילענדיג צי- העען אויף זיך, וועלכען ס'איז חשד, אַז זי פערשטע- דיגט זיך מיט די געפאַנגענע, זי האָט געהאַט רחמנות אויף יעדען איינצ'יגען פון זיי, הגם זי האָט קיינעם נישט געקענט און יעדען פון זיי דאָס ערשטע מאָל אין איהר לעבען געזעהען, אַלע קראַנקע אין שפּיטאָל אויף פערשידענע קראַנקהייטען זענען געווען יונגע מענשען, אַזעלכע וואָס זענען נאָך מיט צוויי יאָר צוריק געווען פול מיט לעבענסלוסט און לעבענס-פרייד, אַזעלכע וועלכע האָבען ערשט געהאַט אָנגעהויבען צו שפּינען די פּעמים פון זייער גאָלדענע צוקונפט, מענשען, וועלכע האָבען ערשט געהאַט דערגרייכט דעם ערב-פריהלינג פון זייער לעבען, איצט האָבען זיי געמאַכט דעם איינ- דרוק פון זקנים, פערצווייפעלטע, רעזיגנירטע, האָפ- נונגסלאָזע, די אויגען ביי זיי זענען געווען אויס געלאָשען און נישט איינער פון זיי האָט געזעהען אין דעם טויט אַן'אויסלייזונג פאַר זיינע אונגעהויערע ליידען.

רוט האָט זיך פערקוקט אין דער ווייט אין איהר פאַנטאַזיע איז געפלויגען, זי האָט געטראַכט וועגען דעם, ווי גליקליך זי וואָלט געווען, ווען נאָר זי וואָלט כאָטש מיט עפּעס געקענט העל- פען די דאָזיגע אומגליקליכע מענשען, כאָטש יעדען פון זיי א גלעט געבען, כאָטש יעדען א טרייסט גע- בען, כאָטש יעדען פון זיי פערטרעטען אויף אַ מאָ מענט א מוטער, אַ ... א געליבּטע פרוי, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזען אינדערהיים, איהרע גע- דאַנקען האָט איבערגעשלאָגען יצחק באַום, וועלכער איז צוגעקומען צו זיין בעט.

— כ'בין אַרויס אויפ'ן הויף אַביסעל זיך איבער שפּאַצירען, האָט באום אַזוי ווי זיך צו פערטיידיגען געזאָגט, ס'איז שוין נישט פערהאַן קיין ... ־יגען אויפ'ן דאָזיגען שטינקענדיגען ... וועלכעס איז געמאַכט פאַר א הונט און ניש... קיין מענשען.

— ווי פיהלט איהר זיך, האָט רוט אנ... ריסען, כּדי ער זאָל זיך נישט דערצערווירען א... צוליב דעם, כּדי זי זאָל נישט דאַרפען רעד... באומען וועגען די פערהעלטענישען אין לאַ...

— אַ דאַנק, פריילין קראַנץ, גאַנ... איבעריגענס איז אַלץ איינס ווי איך פיהל זיך... זענט א גוטע, איהר זענט אַפילו אויך דאָ... געקומען און געבּרענגט גוטע זאַכען, איך... זיי נישט מעהר האָבען, איך האָב זיך שוין... דירט, פערטיילט די זאַכען צווישען די ... קראַנקע דאָ, גלויבט מיר, אז איהר וואָס ה... אויך נישט האָבען קיין עבירה.

— צו וואָס האָט איהר זיך דעצ'ידירט, ... יצחק באום האָט זיך צוגעבּויגען צ... כּדי קיינער זאָל נישט הערען וואָס זי וואָ... זאָגען.

— פריילין קראַנץ ,איך האָב זיך דע... צו ענטלויפען פון דאַנען, איצט טאַקע ק... פון הויף, וואו איך האָב זיך ארומגעקוקט א... סיטואַציע און האָב איינגעפונען, אז ס'איז ... אַן'אָרט פון וואַנען ס'דאַרף נישט זיין שוו... אדורכצורייסען דורך די דרייפאַכע דראָט-פּע... גען און דאַ דורך דעם פּלויט, וואָס שפּעטע... זיין וועגען דעם וויל איך נישט זאָגען...

רוט האָט דעם געפאַנגענעם אָנגעקוק... רחמנות'דיגע אויגען, ס'איז איהר אַפילו נישט... געפאַלען אָפּצורעדען באומען פון דעם ... געפעהרליכען שריט, פערקעהרט זי איז ... צופרידען וואָס באום וויל אַזאַ אונטערנ... אדורכפיהרען, ווייל שוין דעמאָלס ווען ער ... מיט גאָלדינען האָבען איבערגענכטיגט ב... אין שטוב האָט זי געהאַלטען, אז דער אי... אויסוועג זיך צו בעפרייען פון דעם בעפאָר... גהינום איז צו ענטלויפען, איהר איז אַפילו... איינגעפאַלען, או דאָס קען נישט געלונג... דעם נאַאיווען, גוטען און ערליכען מיידל... דאָס געווען א פּשוטע זאַך, וועלכע מוז אַדור... אַזוי ווי מ'נעהמט זיך דאָס פאָר.

(המשך קומט)

מיטוואך, דעם 17־טען פעברואר ד. י. 8 30 אווענד
קאָנצערט פון נעגער־זינגער
JULES BLEDSOE
וועלט־בעריהמטער באס־באריטאָן. גענויערס אין די אפישן.

היינט, זונטאג, 8 30 אווענט גרויסער טאנץ־פעסטיוואל פון
Ruth Sorel i Georg Groke
בעשאנקען מיט'ן 1־טען פריז פון ה' מלוכה־פרעזידענט פון דער פוילישער רעפובליק
און מיט א גאָלדענעם מעדאל איז גענצליך נייע טאנץ־קרעאציעס.

זאל פילהארמאניע
טעל. 213-84.
[…]טן צו בעקומען אין דער קאסע פון פילהארמאָניע.

[ש]טרייק־בעוועגונג אין לאדז

זיך לעצטענס פאראייניגט און אונטערגענומען אן־אקציע וועגן א קאָלעקטיווען אפמאך און נארמירען די לוינען. אין לאָדז געפינען זיך אנ׳ערך 20 מעכאנישע פאבריקען פון צוקערלעך וואס באשעפטיגען ביי 300 ארבייטער. די ארבייטער האבען ביי שווע־רער ארבייט פארדינט פון 10 ביז 15 זל. א וואך.

דער ארבייטס - אינספעקטאראט האט בעשטימט אויף דער נייער וואך א געמיינזאמע קאָנפערענץ פון די ארבייטסגעבער.

ערב אנ׳אלגעמיינע הוספה־אקציע אין טעקסטיל־אינדוסטריע

איז פאר א 40־שעהדיגע ארבייטס־וואך

אויף א זיצונג פון דעלעגאטען־ראט פון דעם פראָפעסיאָנעלען טעקסטיל־פאראיין איז בע־האנדעלט געוואָרען די לאגע אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע. עס איז אָנגעוויזען געוואָרען אויף דעם וואוקס פון יקרות, וועלכער מינדערט דעם רעאלען ווערט פון די לוינען. עס איז בעהאנדעלט געוואָרען די פראגע וועגען פאָרענטוועלער קינדי־גונג מצד די ארבייטער, דעם קאָלעקטיווען אפ־מאך, אונטערנעהמען א הוספה און פאר א 40־שעהדיגער ארבייטס־וואך אקציע.

צו דעם צוועק זאל גערופען ווערען א ספע־ציעלע פערזאמלונג פון אלע אפטיילונגען פון דעם פראפ. טעקסטיל־פאראיין, וואו די פראגע זאל ענטגילטיג געלעזט ווערען.

אקציע וועגען קאלעקטיווען אפמאך

אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין לאדזער קרייז

אין וגיערזש איז פארגעקומען, אונטער'ן פארזיץ פון ארבייטס־אינספעקטאר באבאווסקי א צווישענשטעטישע קאָנפערענץ מיט'ן אנטייל פון אינדוסטריעלער און פארשטייער פון פראָפעסיאָנעלע פאראיינען, וועגן שליסען א קאָלעקטיווען אפמאך פאר דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין לאָדזשער קרייז.

דער אפמאך האט געזאָלט ענטהאלטען פאל־גענדע פונקטען:

1) עס זאל ארבייטען נאר איין שיכט אר־בייטער אין די פאבריקען; 2) אין זגיערזש זאלען די לוינען זיין מיט 5 פראָצענט און אין אָזאָרקאָוו, אלעקסאנדער און קאָנסטאנטין מיט 10 פראָצענט ווייניגער ווי אין לאָדז; 3) בילדען א פאך־קאָמיסיע, וועלכע זאל זיין ביגדענד פאר ביידע צדדים, וועל־כע וואָלט ערלעדיגט אלע סכסוכים, וואס וואָלטען ענטשטאנען צווישען די צדדים.

די קאָנפערענץ האט אבער צו קיין הסכם נישט געבראכט, ווייל די אינדוסטריעלער, וועלכע האבען שוין געהאט צוגעזאגט אונטערצושרייבען דעם אפמאך האבען פלוצים חרטה געקריגען און אפגעלייגט די קאָנפערענץ, מאָטיווירענדיג זייער האנדלונג דערמיט, וואס זיי מוזען דעם טעקסט פארלייגען צו אקצעפטירען אויף אנ׳אלגעמיינע פערזאמלונג פון די אינדוסטריעלער, וועלכע דארף פארקומען אין צוויי וואכען ארום.

„נותן לחם" און קאָנסול מאקס קאהן

האבען זיך אפגערופען אויף דעם אפעל פון די נויטליידענדע ראדאגאשטשער יודען

(בריף אין רעדאקציע)

חשובע רעדאקציע פון „נייעם פאָלקסבלאט". מיר בעטען צו פארעפענטליכען פאָלגענדען בריף פארוואס מיר דאנקען פאראויס.

אויף דעם אפעל פון די ראדאָגאשטשער נויטליידענדע יודען, האט זיך דער ערשטער אפגערופען דער פרעזעס פון „נותן לחם" ה' מאג. באלבארישסקי, וועלכער האט באלד דעם זעלבען טאָג ווי דער אפעל האט זיך בעוויזען אויף די שפאלטען פון אייער ח' צייטונג, איינגעלאדען א דעלעגאציע פון דער ראדאגאשטשער שוהל אין פאראיין „נותן לחם". די דעלעגאציע איז זעהר ווארים אויפגענומען געוואָרען, און בעקענענדיג זיך מיט דער לאגע פון די אָרימע ראדאגאשטשער יודען געשפענדעט טויזענד טאַלאָנען אויף מיטא־גען און אויך א געוויסען ככים קויהלען. פרעזעס באלבארישסקי האט זיך אויך גלייך טעלעפאָניש פארבינדען מיט'ן קאָנסול מאקס קאהן, וועלכער האט אויך געשפענדעט 1000 טאלאָנען אויף מיטאגען.

מיר וועלען האפען, אז די פערמעגליכע יודען. וועלען אראפנעמען א ביישפיל פון די איידעלע טהאט פון פרעזעס באלבארישסקי און קאָנסול מאקס קאהן, און אזוי ארום העלפען די ראדאגאשטשער יודען אין זייער נויט

דער קאָמיטעט
פון דער ראדאגאשטשער שוהל

* * *

ה' ב. א. גליקסמאן האט זיך אפגערופען אויף דעם אפעל און געשפענדעט 25 זל.

י"א אדר - 17. טרומפעלדאר יאהרצייט

דאס ארבייטענדע ארץ־ישראל ווירדיקט טרומפעלדארס אנדענק דורך אנ׳אקציע פארן פ. א. ח.

(קאָמוניקאט)

דער צענטראל - קאָמיטעט פון דער ליגע פארן ארבייטענדען א"י אין פוילען האט ארויסגעגעבען אן אויפרוף צו דער אקציע פון י"א אדר, ווען עס פאלט אוים דער 17־טער יאהרצייט פון טרומפעל־דאָר און חברים, די העלדען פון תל־חי.

אין י"א אדר דעם 22 טען פעברואר, וועלען אי־בערן גאנצען לאנד פאָרקומען אקאדעמיעס און אווענדען, געווידמעט דעם אנדענק פון די העלדן פון תל־חי.

ס'וועט אויך ווערן דורכגעפיהרט א גרויסע זא־מעל־אקציע פארן פאנד פון דער א"י־דיגער ארבייטערשאפט פארן קפא" - (פאלעסטינא ארבייטער־פאנד).

גלייכצייטיג וועט דורכגעפיהרט ווערען די אקציע צווישען יחידים און אינסטיטוציעס.

צוליב דעם, וואס איז דער פורים - וואך ווערט דורכגעפיהרט די אקציע פארן קימת — הויבט זיך אן די זאמעל־אקציע פארן פ.א.ח. כ"ד אדר — דעם 7־טען מערץ, ווען עס קומט פאר דער יוגנד־טאג פארן ארבייטענדען א"י.

טויזענדער מיטגלידער אין די יוגנד - ארגאני־זאציעס פארן ארבייטענדען א"י וועלען דא בעזוכען אלע יודישע וואוינונגען און ארבייטס - פלעצער און דורכפיהרען א מאסען־אקציע פארן פ. . פ.

Dr. med.
HALTRECHT
ספעציעל־ארצט פאר הויט, געשלעכטס קראנקהייטען און מענער־שוועכע
האט זיך איבערגעצויגען פון פעטריקאווער 10 אויף
161 פעטריקאווער 161
טעל. 245-21
עהמט אן פון 8 ביז 2 בייטאג און פון 7 ביז 9 אוו.
זונטאג און חגאות פון 9 ביז 1 בייטאג.
פאר אונבעמיטעלטע יעדעשניצא־פרייזען

אויפרוף צו דער יודישער בעפעלקערונג אין לאדז

די תלמוד־תורה „מחזיקי אמונה" פעפער גאס 17, וועלכע עקזיסטירט שוין 16 יאהר געפינט זיך איצט אין א קריטישער לאגע. ס'לערנען זיך 300 ארי־מע קינדער צווישן זיי אויך יתומים ר"ל, ווענדן מיר זיך צו דער יודישער בעפעלקערונג מיט א היים גע־בעט, ווי ווייט עס איז מעגליך, אונטערצושטיצען די תלמוד־תורה. די תלמוד־תורה געפינט זיך אין דער ארעמסטער געגענד פון לאָדז און די קינדער ווערען מיטלוויז באקליידט און ווערען דערצויגען לויט'ן יו־דישען דת. בעטען מיר, אזוי ווי עס גייט פורים זאל יעדער מקיים זיין מתנות לאביונים און שפענדען פאר דער תלמוד תורה. שפענדעס ווערען אנגענומען אין לאָקאל פון דער תלמוד תורה, ביז 8 אווענד.

מיט אכטונג
די פארוואלטונג
פון תלמוד תורה „מחזיקי אמונה".

רעפעראט פון ד"ר העשיל קלעפפיש אין לאדז

פייערליכע פרעסע־אקאדעמיע פון פועלי אגודת ישראל

היינט קומט קיין לאָדז דער אָרטאָדאָקסישער שריפטשטעלער ה' ד"ר העשיל קלעפפיש, וואו ער וועט ארויסטרעטען מיט א רעפעראט אין ענגלישען זאל, געווידמעט דער אקציע פון פא"י־אָרגאן, די „יודישע ארבייטער־שטימע":

אויף דער אקאדעמיע טרעטען אויך ארויס די לאָדזער פא"י און אגודה־טוער, צוו. אגד. די ה"ה דר. י. שלאָסער, ראבינער ז"ר יצחק לעווין, רעד. א. ג. פרידענזאָן, רעד. פ. לאדענבערג, י. ל. גערשט, ד. באמאָך און א. שטייצר.

פון אלטשטעטישען הוין־בעזיצער־פאראיין

(זגערזשער 10)

היינט, זונטאג 5 נ. מ. קומט פאר אין פארי־איינס־לאָקאל א אינפאָרמאציאָנס־פערזאמלונג מיט'ן אנטייל פון אדוו. ס. בערנשטיין, וועלכער וועט רעפערירען וועגען אקטועלע שטייער־פראגען.

זאל לעבען די יפוער פאמעראנץ!

יפו'ער פאמעראנצען זענען בעריהמט! איך עס זיי ביי יעדען עסען און אויך דאמאלס, ווען כ'בין דורשטיג אדער כ'וויל זיך דערפרישען.

עס מוזען אבער אונבעדינגט זיין יפוער פאמעראנצען, ווייל די יפוער פאמעראנצען זענען די זאפטיגסטע און די זיסטע.

Dr. J. AJZNER
CHIRURG
30 Zawadzka 30
POWRÓCIŁ.
przyjmuje od 6–8 w.

1־טע לעטשניצע
מיט שטענדיגע בעטען
פאר כירורגיע פון ציינער, קיהן־באקען און יאסלעס
פון Dr. med.
Sadokierski
פיעטריקאווער 56, טעל. 129-77;
עמפפאנגס־שעה'ן פון 9 פריה ביז 12 בייטאג.

Dr.
Wołkowyski
ציגעל־גאס 11, טעל. 238-02
ספעצ. פאר טריפער, סיפיליס און הויט־קראנקה
בעהאנדלונג פון מענער־שוועכע
נעמט אן פון 8—11 בייטאג און 4—9 אווענד.

Dr. med. L. Berman
צעגעלניאנא 15 טעל. 149-07
ספעציעל־ארצט פאר מענער - שוועכע־בע־האנדלונג און סעקסועלע בעראטונג
נעמט אן פון 8—11 און פון 4—8 אווענד.
זונטאג פון 9—1 פארמיטאג
פאר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע־פרייזען

[ס]כסוך אין דער שלעסער מאנופאקטור

[…] אין די ווארשטאטען פון שלעסער־מאנו־[פאקט]ור איז אנטשטאנען א סכסוך צוליב דעם, וואס [די דיר]עקציע האט אפגעזאגט עטליכע אלטע און צו־[נעמ]ען אויף זייער ארט נייע ארבייטער.

[גלי]כצייטיג האבען די ארבייטער אונטערגענומען [אן אק]ציע וועגען רעגולירען די לוינען, וועלכע זענען [לעצט]יגע פאלען רעדוצירט געוואָרען.

